VI HOBN MENTSHN GELEBT MIT EYNIKE YOR TSURIK

Pavlovitsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

№ 1. א. קאַטיק׳ס אויסגאַבען.

וויסענשאַפטליכע פאָלקס-ביכער.

וויא האָבען מענשען געלעבט מיט איניגע טויזענד יאָהר צוריק

פערפאַסט פון פאַוולאָוויטש.

איבערזעצט דורך

א. קאַטיק אונד א. ברעסלער.

צווייטע אויסגאַבע.

וואַרשא

דרוקק האַלטער עט קאָמפּ., נאַלעווקי 7.

№. 1.

א. קאטיק'ס אויסגאבען.

וויסענשאפטליכע פאלקס-ביכער.

ווי האבען מענשען געלעבט מיט איניגע טויזענד יאהר צוריק

פערפאסט פאן פאוולאוויטש.

איבערזעצט דורך

א. קאטיק אונד א. ברעסלער.

צווייטע אויסגאבע

— ווארשא

דרוק האלטער עט אייזענשטאדט, נאליעווקי 7.

תרנ"ח.

Ви гобенъ меншенъ гелебтъ митъ эйниге таузендъ іоръ цурикъ

т. е. Какъ жили люди нѣсколько тысячъ лѣтъ тому назадъ.

Сочиненіе Павловича.

Перевели съ русскаго А. Котика и А. Бреслеръ.

Второе изданіе А. КОТИКА.

ВАРШАВА. 1898.

Тип. М. И. Гальтера и М. Айзенштадта, Налевки 7.

Дозволено Цензурою
Варшава, 15 Февраля 1895 года.

I

יעצט אין אונזער צייט פון אייזענבאהנען, טעלעגראפען, טעלעפאנען אונד נאך אסך אזעלכע נוטציגע וויכטיגע מיטלען, וואס ערפילען דעם מענשענס געברויך אונד מאכען איהם איינגינגעהם דעם לעבען, קען נאר ניט איינפאלען אין זינען געמען פערגלייכען אונזער ארט לעבען מיט דעם לעבען פון אונזערע אמאהליגע עלטערען, וועלכע האבען געלעבט מיט פיעל טויזענדער יאהר צוריק. אבער דאס איז זייער וויכטיג צו בעטראכטען, דען דיא אללע פרעדמעטען וואס מיר בענוטצען זיך מיט זיא יעצט, זיינען ניט בעשאפען געווארען ערב שבת בין השמשות, פריטאג פארנאכט צו ליכט בענטשען, נאהר פיעל טויזענדער יאהר זיינען איבער געגאנגען אידער דיא מענשען זיינען ביסלעכוויים דערגאנגען מיטען שכל וויא אזוי דאס אללעס אויסארבייטען.

לעוענדיג דיא ערצעהלונגען פון דיא רייזענדער, וואס שטעלען זיך איין אין סכנות אונד פאהרען אין דיא ווייטע לענדער, וויא דהיינו, אין דיא אויסטראלישע אינזלען, נאקדיגע מדבריות פון אפריקא אונד אין דיא אלטע וועלדער פון אמעריקא, דערוויסען מיר זיך פון אסך וואונדערליכע, נארישע, ווילדע אונד פערגרעבטע מנהגים, פירהונגען, וואס עקזיסטירט

ביא דיא איינוואהנער פון דיא אבעגענאנטע ארטער, וועלכע מיר רופען „ווילדע": דיא, גייען נאקעט וויא פון דער מוטערס בויך ארויס, אונ דיא, פערדעקען זיך קוים אביסעל מיט דיא פעל פון טוידטע טהיר'ן אדער פערבינדען זיך מיט נארטלען, פארטיכער, צוזאמענגעבונדען פון בוימענבלעטטער אדער פעדערען; דיא, דינען אונד בוקען זיך צו ווילדע היות, דיא צווייטע — צו א שטיק האלץ; דיא, פארבען זייער נאקעטען קארפער מיט ארויטע, ווייסע אדער גרינע פארב, דיא צווייטע ווידער, שמירען זיך מיט האניג אונד קוועלען קוקענדיג אויף זיך, ווען זיא קלעפען צו דעם צו פעדערען; דיא, שפייזען זיך מיט מענשען-פלייש אונד גרויסען זיך וויא מיט מעדאלען מיט דיא אפגעהאקטע קעפף פון זייערע גיהרגעטע שונאים, וועלכע זיא היינגען אויף ביא זיך אויפען האלז, אונד דיא, האבען אין זיך נאך אזא אכזריות אז זיא רעכענען פיר א געוויינליכע זאך הרגענען זייערע אלטע שוואכע עלטערען; דיא, ווען זיא געוואגען זיך איין אויף א ארט וועלען זיא שוין אזוי גיך ניט אוועקגיין פון דעם ארט זיא זאללען אפילו ליידען דארט, דיא אנדערע פארקערט, זייגען שטענדיג נע ונד, וואנדערען ארום פון איין ארט אויפען צווייטען איבער דיא גרויסע מדבריות, אונד האבען נאר ניט קיין בעגריף, וואס איזט דאס אזוינס א היימעט לעבען. אט, וואס פיר א מענשען עס געפינט זיך נאך אין אונזערע צייטען! געוואנליך, זיא זייגען יעצט א אויס-נאהמע, געפינען זיך נור אין דיא ווייטע פערוואָרפענע ווינקלען פון דיא ערד, אבער וואס מעהר מיר וועלען זיך אומקוקען צו

ריק אין ווייטען פערנאנגהייט פון דיא אלטע צייטען, וועלכע מיר בענענענען בלויז אוועלבע בארטען מענשען.

עס איז געוועזען א צייט וואס אללע מענשען האבען ניט פארזוכט פון עץ הדעת אונד האבען געפיהרט אזא ארט לעבען וויא דיא ווילדע פון אויסטראליע, אפריקא אונד אמעריקא.

וויא אזוי זיינען זייא ארויס פון אזא פאלאזשעניע (לאגע)? ווער האט זיי אויפגעאפענט אביסעל די אויגען, אויסגעלערענט נוטצליכע ארבעט אונד וויכטיגע מלאכות? וואו האבען זייא גענומען סחורה אויף בעקליידען זיך? ווער האט דיא געבויט הייזער אום צו האבען א שטענדיג וואהנונג? אט דיא אללע פראגען ערוועקט זיך באלד וויא מיא ניט נור אקלער וועגען דעם, דאס אמאהל אין ווייטען עלטער האבען אללע מענשען געפיהרט אזא ווילדען לעבען.

דיא וועלדער זיינען געוועזען דיא ליבליכסטע ארטער פון א מאהליגע מענשען, אונד אין אמת'ען איז דער וואלד זייער צוניטץ געקומען פיר דעם מענשען; עס האט זיך געמאכט א שטארקע בורע, עס גיסט א גרויסער רעגען, — אין וואלד איז שטילער אונד מיא קען זיך פערבאהאלטען אונטער דיא געדיכטע בלעטער פון דיא אלטע ביימער.

אזא מענש וואס ווייסט ניט וויא צו בענוטצען זיך מיטען קראפט פון דיא ערד, וועט ער גיכער אין וואלד געפינען שפייז וויא אין דיא פוסטע ניט בעארבעטע פעלד. דארט אין וואלד איז דא פיעל חיות, וועלכע ער קען הרגענען אונד עסען זייער פלייש, עס געפינט זיך שוואמען, יאגדעס מיט וועלכע ער

קען שטילען זיין הונגער, אונד אויפען ערנסטען אופן קעמען דערווייל ערהאלטען דאס לעבען מיט קארע פון דיא בוימער אונד מיט דיא ווילדע געוואוקסע וואס וואקסען פון זיך זעלבסט, אבער אין פוסטען פעלד קריגט מען דאס אלעס ניט, דען נור מיט גיוועהר האט גילעבט דער אמאהליגער מענש אונד קיין אנדער עצה האט ער ניט גיהאט.

אט אזוי האט זיך גילעבט דער מענש נאקעט וויא אין טאג וואס ער איז געבוירען, אהן א שום באלעבאטישקייט. קיין הויז, קיין שטענדיג ארט אזוי אנשפארען דעם קאפף. באהאלט ער זיך ערגעץ אין א פינסטער לאך פיר א שטארקען רעגען, קומט א וואלף אדער א אנדער חיה א מזיק נעמט צו דאס גוטע ארט פיר זיך אונד טרייבט איהם אוועק פון דארט, אלזא, באין ברירה אז דער נויט שפארט קוקט מען ניט אויף קיין זאך אונד דער מענש שטעלט זיך איין אין גיפאהר, פענגט אן מלחמה האלטען מיטען וואלף. דעם מענש ווילט זיך עסען אונד ער מוז זיך שפייזען, ענטוועדער מיט פראסטע גראז אדער איינשטעלען זיך אין סכנות שטרייטען מיטע ווילדע אקס, טאדטען איהם אונד אנזעטיגען זיך מיט זיין פלייש. מיט איין ווארט, דער מענש איז דאן גישטאנען, וויא מיא זאגט, צווישען פייער אונד וואסער אונד קיין מיטען וועג איז ניט געווען, ער איז אימער גישטאנען אין גיפאהר, דעריבער האט ער גענומט, כדי ער זאהל קענען עקסיסטירען, באוואוינען אין זיך דרייסט, כח, געשיקטקייט אונד אכזריות, שטענדיג האבען אין זינען אז איך וועל יענעם ניט הרגענען

װעט יענער מיך הרגענען אונד מיין לעבען איז פיר מיך מייגער װיא געװעזען.

ער קוקט זיך צו צום לעבען פון זײנע עלטערע חברים, דיא חיות, אונד לערענט זיך פון װיא אפ דיא געװײנהײטען זײערע װעלכע עס איז פיר איהם נוצליך. ער זעהט דער פוקס גראבט אױס א גריב װאהין ער באהאלט זיך אין א געפאהר אונד האדעװעט דארט זײנע קינדער, אט, װען עס האט זיך איהם צופעלליגער װײזע געטראפען נאהנט א פעלזען, א מערה, האט ער פון דעם געמאכט פיר זיך דאס ערשטע הױז.

ער האט געזעהן אז דער בער, װען ער שטײט שלעכט אין דער מלחמה מיט זײנע שונאים, האפט ער מיט דיא פאדערשטע לאפעס גרױסע שטיקער האלץ, מאכעװעט מיט װיא אונז מיט דעם פערטרײבט ער זײנע שונאים, אט, איז דער מענש אױך געקומען צום שכל בענוצען זיך מיט א שטעקען.

נור דער מענש האט אין זיך אײן מעלה, װאס איז ניט אפצושאטצען אונד מיט דעם שטײט ער העכער פון אללע חיות, — ער קען רידען, ארבעטען מיט זײן מאך פון קאפף מעהר װיא אללע חיות, ד. ה. ער האט שכל. דער שכל איז נאך אפילו ניט צײטיג, ניט ראזװיטע, נור ער הײבט שױן אן ביסלאבװײס ארבײטען זיך אונד ניט מיגלאבקײט דעם מענש, מיט אײנע זײנע קלוגע מיטלען ערפילען זײן געברױך, װעלכעס מיט זײן קערפערליכען געבױ איז ער ניט אימשטאנד דאס צו בעקומען. דער מענש האט געזעהן אז דער װילדער אקס, װען ער באװעט זיך מיט אנדערע װילדע טהירן, ארבעט

ער ווייטער געשיקט און פלייסיג מיט זיינע הענדער אונד דורך דעם איז ער זייא מנצח, אט, אז ער האט געפונען א הקעלעט פון א געפגרטען אקס, האט ער אפגעבראכען דעם האָרן ארויס־ גיזעצט אויף א שטיק האלץ, און אזוי איז ארויסגעקומען די ערשטע פיקע. נאך א צווייטע וויכטיגע מצאה האט דער מענש געגען אלע אנדערע לעבעדיגע בעשעפענישן, — די הענד. (נור די אפע קען זיך אין דעם אביסעל פערגלייכען מיט איהם). מיט די הענד, קען ער געשיקטער קלאפען מיטען שטעקען וויא דער בער מיט זיינע גראבע פאדערשטע לאפעס; מיט די הענד, קען ער ווארפען א שטיין אדער א שטיק האלץ אויף א ווייטע שטרעקע אונד דערגרייכען דערמיט זיין שונא די ווילדע חיה אידער זיא אנקומט ציהען צו איהם. מיט איין ווארט, הגם פיזישעליך, קערפערליך, איז דער מענש בעזיגט די שוואכסטע בריה פון אלע שבנים פון נאטור, פונדעסט־ וועגען איז ער שוין באלד אין אנפאנג געווען ווייט א גיבי־ ליבער גענגער ווייטער, ווייל ער איז קלוגער אונד רעגער פיר זייא.

ווען יעצט אז דער יעגער האט בייא זיך א שפאלענעם געשיקט שיסענדעם פיסטאלעט און א גוטע ביקס, פונדעסט־ וועגען איז ער איינגעשטעלט מיטען לעבען, ווען ער באגעט זיך מיט א גרויסע פערפיסיגע חיה, פארשטייט זיך אז אמאהל ווען דאס גאנצע געווער איז בעשטאנען אין א שטיין אדער א שטעקען מיט א האָרן אויפען שפיץ, האט זיך אזויגע אומגליקען געטראפען ווייטער אפט אונד געוויס איז דאן ווייטער

פיעל מענשען אוועק יונג פון דער וועלט. פון דעם לייבּס אונד בּערס נאגעל, פון דעם וואלפס אונד טיגערס צייגער אונד דיא הערנער פון ווילדען אקס.

ווען מיר שטארבען ניט ווינטער פון דיא קעלט וואס הערשט אין אללע צפון לענדער, האבען מיר צו דאנקען דיא וואס גיבען אונז פעטערס, בייען אונז פערמאכטע הייזער אונד אונזער וויכטען וועלכע שפייז אונד געטראנקע ערווארעמט דעם קערפער. אבער דער צפאהליגער ווילדער מענש האט גאר ניט געוואוסט וויא מיא ארבעט דיא אללע פיר אונז נוטציגע פרעדמעטען. דעריבער פארשטייט זיך אז נור דאן האט דער מענש געקענט זיך בעשיצען אין דיא קאלטע לענדער, ווען ער האט שוין וואס איז דערציינען נוטציגע וויססענשאפט, אויסגעלערנט זיך מיט אייגענע שכל׳דיגע מיטלען פארריכטען דיא פעלערען פון דיא נאטור. דער ערשטער מקום מנוחה פון מענש איז געוועזען, וויא עס הייזען אויף געלערטע, ווארעמע לענדער. געלעבט האבען זיא אין דיא ווארעמע לענדער זא וויא עס זיינען געווייט צו לעבען ווילדע אונוויססענדע מענשען, געוואהנט אין וואלד, פערבאהאלטען זיך אין דיא מערה׳ס אונד אויף דיא ביימער, געבארעט זיך שטענדיג מיט דיא ווילדע חיות אונד געציינגען נאקעט, געשפייזט האבען זיא זיך מיט דיא פלייש פון פערשידענע טהירן, וועלכע, ווען זיא האט געגליקט צו האפען האבען זיא דאס געיידט; ווידער האבען זיא זיך געשפייזט מיט יאגדעס, שוואמען אונד מיט דיא פירות פון דיא פרוכטבוימער, וועלכע וויא עס איז בעוואוסט,

וואקסט אין דיא וואַרעמע לענדער פון זיך זעלבסט, נאר אָהן אַרבעט אונד אָבאַבט פון מענשען. געוויס האבען דאן שוין דיא מענשען געוואוסט פון פיש, דען זייא האבען ניט געקענט ניט בעמערקען אז איינעגע חיות שפייזען זיך מיט דעם. געוויינליך, וועגען קאָכען פיש קען גאר קיין רעדע ניט זיין אז זייא האבען גאר ניט געוואוסט וואס דאס איז אזוינס. עס איז געוויס אוועק אלאנגע צייט איידער דער מענש האט זיך אויס-געלערענט בעקומען פייער אונד בענוצען זיך מיט דעם אויף זיינע פערשידענע געברויכע. איבערהויפט אין דיא ווארעמע לענדער איז דער געברויך פון פייער א קלענערער וויא אין דיא קאלטע, דעריבער האט מען אויף דעם ווייניג אָבאַבט געגעבען*).

וויא מיר ווייסען שוין, האט דער מענש אנגעהויבען פערבאהאלטען זיך אין היילען, מערות, אונד דאס איז געוועזען זיין וואהנונג. נור אזעלכע וואהנונגען איז אין דיא בערגעדיגע ערטער ניט קיין יקר המציאות, עס געפינט זיך אומעדום, פאר-שטייט זיך אז זייא האבען ניט געוואלעוועט ביי יעדען קלענסטען צופאל אוועקוואַרפען דיא וואהנונגען, דען, זייא זיינען געוועזען

*) נאך מיט 300 יאהר צוריק האט דער בעוואוסטער מער-רייזענ. דער מאגעלאן Магелланъ געפינען אויף אן אינזעל, ווילדע, וועלכע האבען ניט געוואוסט אז עס געפינט זיך דער מין פייער אויף דער וועלט אונד מיא קען פון דעם האבען א נוצין. דאס פייער וואס ער האט געמאכט, האבען דיא ווילדע אנגענומען פיר א שרעק-ליכעס טהיר, דער פלאם האבען זייא גערעכענט איז דער צונג מיט וועלכען דאס טהיר בייסט, אונד דער רויך איזט זיין אטהעם.

זיכער אז זיא וועלען קריגען אנדערע. דיא באלעבאטישקייט זייערע איז בעשטאנען אין א שטיינערנעם אדער הילצערנעם געוועהר, אונד וועלטען אמאהל אין א פעל פון א טהיר וואס זיא פלעגען טראגען אויף דיא פלייצעס. מיט אזא באלעבא-טישקייט איז ניט קיין טרחה ביטען דיא וואהנונג, דעריבער איז ניט קיין וואונדער וואס דיא ווילדע זייגען ניט איינגעזעסען אויף איין ארט.

כל זמן עס האט זיך נאך געפונען אין דעם ארט אזוי זיא זייגען געגעסען, אזעלכע טהירן וואס זיא קענען געברויכען זייער פלייש צום עסען, ווען דעם לייב אדער דעם טיגער האט נאך ניט אנגעשמעקט זייער וואהנונג דיא פעשטערע, מערה, אונד כל זמן דיא קינדער זייערע זייגען געוועזען נאך זא קליין אז דיא האבען ניט געקענט נאכגיין נאך דיא עלטערען אונד מיטהעלפען קריגען שפייז אויף זיך ערנערען, דאן האבען זיא זיך ניטטאהרעט וויא ווייט מעגליך, זיטצען אויף איין ארט, ניט זוכען קיין בעסערס. נור וויא באלד דיא פערדמעטען מיט וועלכע זיא שפייזען-זיך ווערט ווייניגער, וויא באלד אויף דיא פעשטערע פעננט אן אנפאללען א שטארקעס רייבענדעס טהיר, קים דיא קינדער קענען שוין אליין ערווערבען עטוואס שפייז, וואנדערט דער ווילדער אוועק זיין ארט, מיט וועלכען ער האט קיינעס וואס זאל איהם צובינדען צו דעם, אונד גייט ווייטער.

דאן אין יענע צייטען איז ניט געוועזען קיין חלוק אין לעבען צווישען פרויען אונד מאנספערזאנען. אללע האבען

גלייך געארבעט אונד עס איז ניט געוועזען קיין גרויסע נפקא מינה פון מיינעס ביז יענעמס. נור ווען די קינדער זיינען געוועזען קליין האבען די פרויען געזעסען נעבען זיי אונד אפגעהיט פון די ווילדע חיות, אבער קוים זיינען די קינדער אביסעל אונטערגעוואקסען אז מיא האט שוין ניט געברויכט אכטונג געבען אויף זיי, האבען זיי זיך צושפרייט יעדער אין אן אנדער ארט, זוכען שפייז. פארשטייט זיך אז ביי אזא ארט לעבען, איז וועגען פאמיליע־לעבען אין זינען ווי מיר מיינען, האבען זיי ניט געקענט האבען קיין בעגריף.

דאס ווייזען מיר, אז דער אמאהליגער מענש ווינענדיג אין וואלד האט געברויכט אימער פירען מלחמות, ערשטענס האט ער געמוזט אפבראנגען זיך פון די ווילדע שטארקע חיות וואס זיינען אנגעפאללען אויף איהם, צווייטענס איז ער געוועזען גענייט, אום ער זאלל קענען עקזיסטירען אויף דער וועלט, ד. ה. ער זאלל האבען שפייז צו עסען, אנפאללען אויף די חיות אונד עסען זייער פלייש, ווייטער האט ער געמוזט זיך סטארען מיט קונסטליכע מיטלען ערפילען די פעהלערן פון די נאטור. דעריבער האט ער געמוזט ענטוויקלען אין זיך כח געשיקטקייט אונד היטראסט. די יעצטיגע ווילדע האבען אויך די אללע פעהיגקייט. די רייזענדער בעוואונדערן זייער אונגעהייער שטארקייט, וועלכע גיט זיי מעגליכקייט גאר אהן א שום געווער שטרייטען מיט א בער אונד איהם בייקומען. די רייזענדער דערציילען אז די רויטע ווילדע אמעריקאנער קענען אויף א שטרעקע פון 2—3 וויארסט לויפען זא געשיקט ווי

די געשיקטע פאר פערד. די ווילדע, וועלכע וואהנען ביי א בערג טייך, שווימען אנדיק, קענען א לאנגע צייט ליגען אונטערן וואסער אונד האפען די פיש מיט די הענד. חען ניט די קאפאבלאקהען (פעהיגקייט) זייערע וואלטען די אבאהלונג מענשען ניט געקענט עקזיסטירען ביי די געפערליכקייט וואס זיא איז פארבונדען אויף יעדען טריט אונד שריט.

באלד אין אנפאנג האט זיך דער מענש אנגעהויבען אויסקלייבען פערשידענע הונדליכע מיטלען אויף אפבראנגש זיך. די שטייגערונג אינדוסטריע מיטען לעבען איז געוועזען די ערשטע לעהרערין פון מענש. ווייא מיר ווייסען איז די ערשטע געוועהר זיינע געוועזען: א שטעקען אונד א שטיין. די האנדלקייט אונד שארפקייט פון שטיין האט איהם געבראכט אויף א געדאנק, געברויכען דיזעס ניט נור ווייא א ווארפענדעס געוועהר. מיט דעם צוועק האט ער אנגעהויבען צושלייפען דאס צו א שטעקען, רייבענדיג אדער קלאפענדיג מיט א צווייטען שטיין האט ער אנגעפאנגען איהם איבערמאכען אין א אנדער פארמע, אונד אויף אזא אופן איז ארויסגעקומען אזוינס וואס האט געהאט א פנים ווייא א האק אדער א האמער, וועלכעס מיט די האנדלקייט אונד זייער שווערען קלאפ האבען איהם זייער אפט נוט געטהאן אין א מלחמה מיט די חיות. אזעלכע העק אדער האמערס האט מען געפונען זייער פיעל אין פערשידענע לענדער פון איראפא אונד אזיא. אמאהל וויעדער פלעגען זייא צובינדען א שטיין מיט א פאס פעל פון א געהרגעטעם

טהיר צו א עק שטעקען אונד עס איז ארויסגעקומען אזא פארם ווי א בולעווע.

מיר ווייסען שוין ווי אזוי עס איז ארויסגעקומען די ערשטע פיקע פון א האָרן. איבער די פיקעס איז געווען אויך אזעלכע וואס איפען עק שטעקען איז געווען אנגעבונדען א שארפער שטיין. אז עס זאלל ארויסקומען אזא פארם פיקע האט מען אנגעשפאלטען איין עק שטעקען, אין שפאלט אריינגעשטעלט א שארף שטיין אונד מיא האט דאס שטארק צוגעבונדען מיט א פאס.

אין איינגע ערטער איז געפונען געווארען שארפע שטיינער וואס האבען א פארמע ווי א ארט אונזערער א געוויינליכער מעסער, אונד עס זעהט אויס אז עס איז ארויסגעארבעט געווארען מיט מענשליכע הענד, ניט פון דער נאטור זעלבסט איז דאס אזוי ארויסגעקומען.

וואנדערענדיג אימער אין וואלד אונד קוקענדיג אויף אללעס וואס געפינט זיך ארום איהם, האט דער מענש געמוזט ניט ווילענדיג בעמערקען די נאטור פון די חיות אויך די נאטור פון די ביימער. דאס ווייסען מיר דאך אז אבטונגגעבענדיג אויף די נאטור פון די טהירן איז ער דערגייענגען מאכען זיך אזוינס ווראדע געוועהר. אבטונגגעבענדיג אויף די נאטור פון די ביימער, האט ער בעמערקט אז די דינע גרויסע צווייגען קענען זיך בייגען. ער האט געזעהן מיט וואס פיר א קראפט א צווייגער ווען מיא בייגט זיא איין, גיט א שטארקען קלאפ צוריק אונד צילעוועט זיך שטענדיג בלייבען

אויף איהר נאטירליכען שטאנד. ער האט בעמערקט די איינענע נאטור אין די ביינער פון איינינע פישען. ניט איינ־מאל האט ער געקריגען א שטארקען קלאפ פון א איינגעבויגענע צווייגעל. פיללייכט האט זיך געטראפען אז ווילענדיג האפען א פויגעל וועלכע איז געשטאנען אויף איין צווייגעל אונד איינבייגענדיג דאס אום צו האפען די פויגעל, ווען ער האט גראדע ניט ווילענדיג אפגעלאזען דאס צווייגעל. איז מיטען קלאפ וואס זיא האט געגעבען קומענדיג צוריק אויף איהר ארט איז דאס פויגעל געהארגעט געווארען, דאס האט איהם ארופ־געפיהרט אויף א געדאנק בענוצען זיך מיט דעם קראפט פון איינגעבויגענעם האלץ אונד אזויא איז ארויסגעקומען א באגען (Лукъ).

דער פערוואכטענער אבאהלינער באגען איז בעשטאנען פון א לאנגע ניט זייער קיין איינגעבויגענע דוגא, די ביידע עקען זיינען געווען צוגעבונדען מיט די אדערען פון טהירן. געוויינליך אנציהען אזא דוגא איז געווען שווער, נור דער אבאהלינער מענש וואס האט געקענט שטרייטען נאר אהן געווער מיטען בער אונד איהם בייצייהן האט געוויס געהאט גענוג כח אויף דעם.

מיט די באגענס האט מען געווארפען א שטיק האלץ אונד אויפען שפיץ אנגעבונדען א שטיין אדער א ביין. אזא אויס־שאס קלאפ פון א באגען איז געווען שטארקער אונד געפלויגען אויף א סך א ווייטערע שטרעקע וויא א שטיין וואס מיא ווארפט מיט די הענד. ווען דער מענש האט זיך ערוואוסט פון די

גיפטיגע זאכען פון איינגע געוויקסע האט ער אנגעפאנגען שמירען דיא געווער מיט די זאכען כדי ווייטער מארטערן דעם שונא.

אבער וואס פיר א לעבען אמאל אין ווייטען פארצייטען האבען מענשען געפירט. ווי קענען מיר פארשטעלען זיך זייערע ווילדען ווירטשאפטען זייער לעבען? דיא ווילדען מענשען שלעכטע, אכזרים, בייזע, האבען ניט געוואוסט פון קיין פאמיליען לעבען אונד האבען ניט געהאט קיין אנדער צוועק אין לעבען וויא: אנשטאפען דעם הויך, קריגען זיך צו שלאגען. דיא אבודה, דאס איז געווען זייער איינציגער הנאה, אונד אזוי וויא דאס צו בעקומען - איז געווען פערבונדען מיט פיעל שוועריגקייטען, דעריבער האט דער מענש זיין גאנצען געדאנק, פערשטאנד אונד שכל אנגעשטרענגט נור אויף ביי-קומען דיא בעשוועריגקייטען.

קיין איבערלעבערס אין גאנצען האבען זייא ניט געקענט זיין, ווייל דיא פערמעגען פון געשעפטען איז דאן געווען זייער ווינציג, דען זייא האבען נאך ניט געוואוסט פון דיא פיעלע מלאכות וואס דיא נאטור האט געשענקט דעם מענש ווען ער וויל אונד קען ארבייטען, דעריבער וואס עס איז זייא נור אונטערגעקומען איינצעלנע האבען זייא אלעס געגעסען אבי דאס זאל זייא נור קענען שטילען דעם הונגער. געווים האבען דיא מענשען פון יענעם פעריאד (צייט) גליך וויא איינינע נאראדען פון אונזער צייט ניט געבראקירט מיט מענשען-פלייש.

ביא אזא פארגרעבטען ווילדען שטאנד האט ניט געקענט
זיין קיין קלארער, ריינער אמת'ער פערשטאנד פון גאטטהייט.
איינינע פון זיא האבען געהאט רעשפעקט (אוואשזעניע) פיר
דיא כחבראשנע וואונדערליכע אונד שטארקע בעשעפעניסען,
דעריבער דיא שטארקע חיות, וואס זיא האבען ניט
געקענט כנגד זיין, וויא לייב, אליב, א העלפאנד א. ז. וו.
האבען זיא געערעכענט פיר געטטער, ד. ה. זיא זאגען דיא
שטארקערע פון אללע בעשעפעניש דעריבער זאגען זיא דיא
בעלי חיים פון דער וועלט אונד מיא מוז זיין אונטערטעני
אונד מורא האבען פיר זיא. אנדערע ווידער האבען אפ-
געגעבען כבוד דיא פערדעטען וואס האבען זיא געברענגט
אנוטין לייב, דיא גרויסע בעטעדיגע ביימער, דיא קלארע
ליכטיגע וואנגע א. ז. וו.

נור הגם דיא לאגע זיינע פאר אין גשמיות פאר אין רוחניות
איז געווען זייער א שלעכטע, פונדעסטוועגען איז דער מענש
נאר ניט אין גאנץ העכער געשטאנען וויא זיינע ארומיגע שכנים
די חיות, דען וויא מיר ווייסען, באלד אין אנפאנג איז ער
שוין דערגאנגען מאכען עטוואס געוועהר, ווייל ער האט א
ספאסאבנאסט, דענקען. אט די מעלה זיינע האט איהם ניט
געלאזט בלייבען אויף איין מדרגה ענטוויקלונג, זיא האט איהם
געגעבען מעגליכקייט, ביסלאבוויס, לאנגזאם פארבעסערן זיין
לאגע ביז אם ענדע איז ער געקומען אויף דיא שטופע אויף
וועלכע ער געפינט זיך יעצט. דער וואלף מיט וועלכען עס
האט געשטרייט אמאל אין ווייטען עלטער, נאך פאר סהן

תורה, אונזער נאקעטער ווילדער זיידע, איז געבליבען כמעט
דערשטעלבער וואלף וואס אמאל, ער איז ניט געווארען, ניט
איידעלער, ניט בעסער, ניט קליגער אונד ניט זיכערער מיטען
לעבען, דען ער האט קיין זאפאס פון ערפאהרונג. אבער דער
מענש וואס איז געווען זא ביז אונד ווילד וויא דער וואלף איז
יעצט אין אללע הינזיכטען גאר ניט דער אייגענער.

כדי דער מענש זאל קענען מנצח זיין דיא שטארקערע
חיות פיר איהם, האט דער לעצטענער געמוסט איינפיהרען
פערשידענע געווער, וויא א האמער, א שפיז אונד א באגען;
נור דער זיעג (בייקומען) איז זיכערער געווען ווען צו-
זאמען שטרייטען אויף דיא מעהר עטליכע מענשען. „טובים
השנים מן האחד, אשר יש להם שכר טוב בעמלם" האט קהלת
געזאגט. אז צוויא מענשען ארבעטען צוזאמען, ארבעטען זייא
אום מעהר וויא יעדער וואלט געארבעט בעזונדער. דיא
פראקטיקע אליין האט זייא געמוסט ערקונדיגען אין דעם,
דעריבער, וויא ווילד דער מענש איז געווען פונדעסטוועגען האט
ער פארט ניט געקענט ניט בעמערקען אז אין צווייען איז
שטארקער, אונד עס איז מעגליך חברן זיך מיט נאך אזא
צוויי-פיסיגע בעשעפעניש וויא ער, וועלכע האבען געקענט
מיט דיא הילפע פון רעדען — הגם ניט זייער קיין פאלקאמענע
שפראך... פארשטיין איינע דיא אנדערע. דעריבער האבען
דיא מענשען כמעט באלד וויא זייא זיינען ארויסגעקומען אויף
דער וועלט אויפגעהערט לעבען בעזונדער, אליין, אונד אנגע-
הויבען קאמפאנירען זיך. דיא נעהנסטע מענשען צווישען זיך

זייען געוועזען, נאך דעם אינדרינגקט (געבירענער געפיהל)!
איינע קינדער. ווענדע דער ווילדער פלעגט אין זייער קינד־
הייט זארגען פיר זיא. זיא האבען זיך נישט געקענט אונד
געווען געוויינט איינע מיט דיא אנדערע, דערימער האבען זיא
נאכהער געקענט נישט לעבען אין אחדות, אונד אזויא איז
ארויסגעקומען א פאמיליע, וועלכע דיא בילדונגס פון דעם
זייען געוועזען געבונדען מיט אינדערהיילע לייבע אונד איבער־
הויפט מיט דעם וואס יעדער האט זיך געפיהלט אביסעל
שטייפער געגען דיא היבענדע מהיר, ווען דיא פאמיליע האט
זיך פארגרעסערט, ביא דיא זיהן אונד טעכטער איז געבוירען
געווארען קינדער אונד פון דיא קינדער איז ווידער ארויס־
געקומען א נייער דור א. ז. וו. דאן איז שוין געווארען א גאנצער
שבט אונד דיא מענשען זייען נאך מעהר ארויס פון זיפאהר,
ווייל פיר יעדען זייען געשטאנען צו הילף זייגע קרובים. ווען
איינער פון זיא האט איינגעקליידט א נייעם גיוועהר, האט
דיא ערפינדונג גיהערט צום גאנצען שבט. יעדער האט
געוואוסט פון דעם. ווען איינער לכל איז דערגאנגען ווי
מאכען פון אדערען אונד פעל א שלינג — פאנג אויף האפען
פאגעל, האט שוין יעדער טשלען פון שבט געקענט זיך מאכען
אזא גיוועהר אונד גרינגער ערווערבען שפייז. געוויס ניט איינ־
מאהל האט געמוזט ארויסקומען א קריג צווישען דיא פאמיליע
צוליב א געהרגעטעס טהיר, א געפאנגענט פאגעל א. ז. וו. אויף
וועלכע יעדער האט געמיינט כולה שלי, עס געהערט נור מיר
ווייטער קיינעם. אויסגעפיהרט האבען געוויינליך דיא שטאר־

קערע אונד דיא אונצופרידענע האבען אוועקגעוואָרפען דעם שבט אונד זיינען אוועק וואנדערען, געוויסער יעדערער בעזונדער אָדער זיא האבען זיך פארפירט א אייגענעם קרו־שאַק. נור כאָי וויא, מענשען זיינען שוין ארוים פון געפאהר פיר דיא ווילדע חיות, אבאָך זייער קאָמפּאניען זיך; נאך מעהר, פריהער האט דער מענש געשאָלט זיך נור אָפּברענגען, מיא זאל נור איהם קיין שלעכטס ניט טהון, אָבער יעצט איז ער געוואָרען א גאנצער בעל הבית איבער ווּאַלד, האט אנגעהויבען פארמאָהגען אלעס וואס האט איהם נור געפעס געשטעקט. דיא שבטים האבען געוואנדערט איבער פעלד אונד וועלדער אונד געשפייזט זיך פון פּאָלעווּאַניע. אז וואנדע־רענדיג האט זיך איין שבט געטראָפען מיטען צווייטען, ווען דיא האבען געזעהן אז דיא צווייטע ברענגען חיות, פאַפען פיש אונד פאָגעל, האבען זיא גענעמט זיא פיר שונאים וואס נעמען אוועק דעם ביסען פון מויל אונד צווישען זיא איז ארויסגעקומען א בלוטיגע קריג. נאך דער מלחמה האבען דיא זיעגער (דיא וואס האבען בכוח געוועזען) גימאכט א באל אונד האבען מיט שמחה גיפרעסען דיא פלייש פון זייערע געהרגעטע שונאים. אמאל פלעגען זיא אויסשניידען ביא דיא לעבעדיגע פלעניקעס שטיקער ווייסע פלייש אונד פרעסען דאס אין דיא אויגען פון דיא אומגליקליכע. אזעלכע מענדעבאיען וועהט מען נאך היינטיגע צייטען ביא דיא ווילדע פון אוסטראליע, אפריקא אונד אמעריקא. אין דיא אלטע צייטען איז דאס גיוועזן ביא אלע נאַראָדען אייגע פון דיא געוויינליכע זאכען.

II

וואַנדערענדיג איבער די וועלדער, האָבען זיך די מענשען געשפּייזט בלויז פון פּאָלעוואַניע. וועלכע איז גיוועזען שטאַרק אײַנגעשטעלט מיט'ן לעבען אויך קיין בעשטימטע אָרדנונגען לעבען האָבען זיא בייא זיך ניט געקענט פיהרען. דער מענש האָט געמוזט לעבען ניט דאַן ווען עס האָט זיך איהם געוואָלט נור דאַן ווען עס האָט איהם געראָטען די פּאָלעוואַניע. אַז מען בּרויך איבערלעבען די גאַנצע צייט פון פּאָלעוואַניע קאָן מען אַמאָל אַנעקלייגען די צייטער אויף דער פּאַרטיע. אַפילו היינט אין אונזערע צייטען בּרענגט זיך אויך ווייטער אָפט אַז דער יעגער קומט אַהיים מיט הוידען, הגם ער האָט אַ קאָנסטאַנטע בּיקס, בּפרט אַמאָל ווען זיא האָבען קיין גוטע גיוועהר ניט געהאַט. נור היינט אַז דער יעגער האָט אַנדערע מיטעל צום לעבען אויך, ווען ער אַרבּייט זיך אָן אין וואַלד אַ גאַנג אומזיסט האָט ער לכל הפּחות ווען ער קומט בּייא נאַכט אין שטאָדט, אַ אָרט וואו זיך אָפּרוהען אויך געפינט אין שטוב אַ געוויינליכען אַשטיקעל טרוקענעם בּרויט, קען ער שוין דערווייל פערטרייבען דעם הונגער, אָבער אין יענע צייטען פון וועלכע מיר רעדען דאָ האָט זיך דער הונגער אָדער זעטט געווענט נור אין פּאָלעוואַניע: האָט געלונגען האַפּען אַ טהיר אָדער אַ פאָגעל איז גוט, קען מען זיך אָנעסען אונד אַביסעל איבּערהייטערען דעם אויסגעגנאָרטען קערפּער, ווען עס איז ניט געראָטען צוא האַפּען — זיצן דאָ אונד קוואר אַ הונגעריגער

אַ גאַנצע נאַכט ביז אין דער פֿרי, נאָכדעם נים אויסהונגערונגדיג זיך גייא זוך שפּייז וועלכע עס קען זיין מען וועט ווייטער ניט געפינען. עס קען אַמאָל אויסקומען מען זאָל מוזען גאַנצע וואָכען דערהאַלטען די משפּחה בלויז מיט אַביסעל אויבס אָדער שוואָמען, דאָס איז נאָך גוט אַז עס קומט אויס אין אַזאַ צייט וואָס עס איז דאָ אויבס, וואָס טוט מען אָבער אין די צייט וואָס דאָס איז אויך ניטאָ? דאַן פערבייסען וואָרצלען אונד נבֿלות די געוויינליכע שפּייז פֿון מענשען – פֿרישע פֿליישׁ פֿון ווילדע חיות.

דער ווילדער איז דאַן ניט צופֿרידען מיט זיך, עס איז איהם ניט אייגענעס זיין לעבען, דען וואָס פֿאַר אַיין געשמאַק פֿון לעבען קען האָבען דער מענש וועלכער איז געניים קלערען נור וועגען חוסר, ווייא ערפילען דעם גייטיגען געברויך פֿון זיין קערפּער, אונד ווייס ניט הייגט וואָס מאָרגען וועט זיין צו ער וועט קענען אָפּגעבען דעם חוב זיין גוף צו ניט? ווער רעדט עס קומט טאַקע דער מאָרגען ווען דער מאָגען מאָנט אונד מען האָט איהם ניט וואָס צוא געבען, דאַן איז ווייא אונד וואונד דעם מענש.

נור האָבענדיג מאַרך אין קאָפּף אונד קענענדיג מיט איהם ריהרען, פאַנגט דער ווילדער אָן זוכען מיטלען ווייא אַרויס־קריכען פֿון אַזאַ שלעכטע לאַגע, אָבער וואָס קען מען צו דעם העלפען? איז די ערשטע עצה געוואוהנליך, געדענקען אין די גוטע צייט אַז עס קען קומען אַ שלעכטע, אונד איבער־לאָזען אַ פּאָרראַטה (זאַפּאַס) דאַן ווען עס איז דאָ איבעריג אויף

דיא צייט וואס וועט פעהלען. אלזא, נאכדעם וויא ער האט זיך זא בעטראכט, ווען עס האט איהם געגליקט לםשל אמאל אויף דער פאלעוואניע, האט ער בעהאלטען אזאיאגין (האז) מיט א פאר פאגעל, וויא מען זאגט, נא טשארני דען. אויף מארגען איז איהם גראדע איינגעפאלען איבערבייטען דעם ארט. ער גייט, טראגט זיך מיט דער משא אויף דיא פלייצעס אונד עס איז איהם צוליעב דעם דער זאנג שווערער, עס פארמאטערט איהם. ער קען זיך ניט ריהרען, ער איז עפעס וויא געבונדען דעריבער האט ער ניט געקענט האפען צווייא הערשען וועלכע זענען איהם פארבייא געלאפען איפ'ן וועג. נור פונדעסט־וועגען האט ער וויא עס איז פארט געהאפט א טהירקען (אהיה'לע) האט זיך אנגעגעסען אונד גייט ווייטער אונד צו־פרידען מיט דעם וואס זיין זאפאס איזט גאנץ אונד קען איהם נאך דינען אמאל אין א נויט. אין איינינע טעג ארום איז טאקע געקומען דער טאג אויף וועלכען ער האט זיך שטארק געריכט אונד אונזער ווילדער נעמט זיך צום פעקיל וואו עס ליגט דער זאפאסנער זאיאגין. אבער דער לעצטערער איז ניט געלעגען אויף אלעדניק, נור דיא היסע שטראהלען פון דער זאנגע האבען איהם געוואָרעמט דעריבער איז ער געוואָרען פארעפוילט אונד פארווערימט. דער יעגער ווערט בייז אויף דעם זאיאגין, ווארפט איהם אוועק אונד נעמט זיך צו דיא פאגעל. נור דא זעהט ער איז אויך דאס זעלבע וויא ביי'ן זאיאגין. „נוא, קלערט ער, שוין גלייבער לייהען אביסעל הונגער, איבערקומען וויא עס איז מיט א ביסעל יאגדעס־שוואסען, איידער עסען אזא שמוטץ.

נור צו וואס האט מיר נאך געטויגט טראגען אזא פארדאר·
בעגעס עסען ווערקעס איך קען ניט געבראכען ? ציא וואפערע
כפרות האב איך מיך איינגעמאטערט מיט דעם, איך זא בי
וואס איך האב מיך ניט דערשייצט ביא איהר. האב זיא מיר
נאך געשטעקט מאכען דעם געשמאקען הערינג" דבר. דער
ווירדער איז געקומען ציא דער הנה אז קיין זאפאכען מיט
פלייש קען מען ניט מאכען·

ווען אנגריכען אפארטאכה פון פלייש פאר איין מענשען
איז שווער מיינט זיא קען מען אנגרייטען פאר אגאנצע פאמיליע
(שבת, ווערכע בעשטייט פון 10—20 פערזאן ? ארום, האט מען
גענומען בעקומען אסאך מיטער ציא פארדינען נוד אין
אשקלאפען ציים פון דעקער, איך איינער ווירדער האט קיינע
רעכענונג, אז ווען מען זאל קענען האבען ביא זיך גרייט
לעבערגע פארך אוך מירדען גיא באן ערן קען ווייט נוך
אין דעם גיטהיגען, וואלט דער פריהערדיגער פערדער אכאס.
נור ווען דיא מירדעג ביטא וואס קען אליין ניט אהין גיין
פארעכטלעכען האט זיא געשיקט דעם ווירדען אין זיין
פארעטאגע, מכח ששון אינער ווייט נוך שלעפען מיט לעבעדיגע
טהירן ווייל דאס איהם געווים דעשקען מען מוז אבוינג געבען
עס זאל ניט אנבריכען, זארגען עס זאל האבען וואס צו עסען,
איבער דעם, עס קען זיין אז דיא גאנצע ארבייט וועט זיין
אומזיסט, דען, אין געפעגעניש ווייט דאס מהיר ניט וועלען
עסען אונד וועט פארן פריהער איידער דער מענש וועט ברויכען
זיין פלייש. דבר עס איז אוי לי מיוצרי אוי לי מיצרי, גרייט

אן לעבעדיגע מתים אין שלעכט. גריט ניט אן אין וויעדער
שלעכט. וואס טהוט מען פארט? בלייבט מען זאל מאכען א
פראבע, געווערנד, שלעפען זיך מיט א ווילדען אקס אין
אינמיטען. יענא דארף מען נעמען א יונגעס קעלבעל, אונד
דיא יונגערע האבען געטאפט גערירט דורך אויסגעקריבען
וויא מיט זיך. דער האלאס איז געוועזן קבראשנע, דיא פיה
זענען צולאפען אין אללע זייטען אונד דאס האט געשטערט דיא
וואנדערונג אינגאנצער. דאס איז נאך אלעס ווייניג, עס איז
דא נאך א גרעסערע צרה: דיא יונגע מתים וואס זענען אפ־
געריסען געווארען פון דיא מוטערס ברוסט האבען אנגעהויבען
קרענקלען אונד זענען אזוי בעסלעכווייז בטלט אללע אויסגע־
פגרט. פון דיא אללע געפאנגענע איז געבליבען איינס,
צווייא קעלבלאך וועלכע האבען פון אנפאנג אביסעל געקרענקט
נאכדעם אנגעהויבען זיך פאפראווען, טאקסען, ביז אם ענדע
האבען זייא שוין ניט געברויכט אנקומען צו דיא מוטערס הילף.
נור זעהט וואס פאר א פארענדערונג עס איז געווארען אין זיין
האראקטער, פון א ווילדען אונד א אונתאמעבעגעם איז ער גע־
ווארען א שטילער אונד א פראמער. פריהער האט ער זיך אלין
געריסען אנטלויפען, יעצט ברויכט מען שוין אפילו ניט א נוקע
געבען אויף איהם, נור ער גייט אליין נאך דיא מענשען.
מיט דער צייט איז ער געווארען א געזונטער גרויסער אקס אונד
אללעס מיט דעם זעלבען האראקטער. הכלל, מען איז דער־
גאנגען דעם סוד, מען קען אימטער האבען ביי זיך לעבעדיגע
מתים אונד טוידטען זייא דאן ווען מען וועט ברויכען זייער

פלייש. עס איז נור א שאד וואס פון א גאנצע סטארע נע-
פאגעגע קעלבלאך איז געבליבען נור צוויא, אז מען זאל זיא
מיטשען ווען דיא פרעמיא (שבט) לעבען אין זעט א טאג
אדער צוויא. וואס טהוט מען אבער אז דער הונגער ווערט
זיך באוועגצען איזה א וואך אדער מעהר? ווערט מען ווידער
מוזען ביידען הונגער וויא פריהער. אונד פארגרעסערען דיא
צאהל פון דיא מתים אין וויינעגדיג אין וואלד אומגעגליך, ניט
איינמאהל מוז מען זיך באדען מיט'ן לייב אדער מיט'ן בער
וועלכע האבען שטארק הונגער זיך בעגעגנען מיט מענשענס
ארבייט. אט, אויפ'ן פרייען פעלד איז גאר עפעס אנדערש,
דארט איז שוין דיא געפאהר פאר דיא וואלדהייבערס קלענער
אלזא דארף מען אנהייבען אביסעל זיך געזעגענען מיט'ן וואלד
נור פריהער מוז מען, מען זאל קענען א היבשע צייט אויס-
קומען אן וואלד פערגרעסערען דיא צאהל זא געצט גענאנטע
„הייסישע פיה" ד. ה. צוגעוואהנטע צום מענש. דער מענש
פאנגט אן מאכען פראבעס אויף פערשידענע מינים ביז ער איז
דערגאנגען אז א אקס, א ציג, א שעפס, א אייזעל, א קעמעל,
א פערד, א חזיר אונד א הונד קען מען לייכט צוגעוויינען צו
זיך. דער לעצטערער, חנם זיין פלייש איז ניט געשמאק צום
עסען, דערפאר אבער בינדט ער זיך זא צו צום מענש אז ער
איז גרייט היטען גאנצע טעג אונד געכט אום צו פארהיטען דעם
בעל הבית וועלכעס מיט זיין פארמעגען.

אזויא האט זיך איינגעגעבען מיט גרויס מיה איין פלעטיא
ווילדע יעגערס צוגעווייגען א געוויסע צאהל טהירן וועלכע

מיט זייער פלייש האבען זיא זיך געקענט שפייזען א בעשטימטע צייט. דיא ווילדע וואלפען אונטער דעם וואלד אונד גייען ארום איך דיא פרייע פעלד, וועלכע דיא גראז איהרע איז אימשטאנד צושטעלען גענוג שפייז פיר דיא כמאדע. דער פרייער ארט געבט ארויס דעם מענש אביסעל פון געפאהר פיר דיא רויבענדע חיה'ען אונד ער פיהלט זיך אביסעל פרייער. עס גייט אוועק א געווייסער פעריאד, דיא כמאדע פארגרעסערט זיך, דיא קליינע פיה ווערען שוין ניט אזויא פיעל צושפרייט וויל זייא ווערען ניט אפגעריסען פון דיא מוטערס אונד פארליערען נישט זייער געוויינליך שפייז — מילך. עס ווייזט זיך מיט דער צייט ארויס אז דיא לאגע פון דיא מענשען וואס האבען אוועק־געווארפען דעם וואלד איז גאר ניט אין ערך בעסער סאיי אין עסען סאיי אין זיכערהייט, אינגעפאהרהייט. פון דיא צוגעוויינטע חיה'ען האט דער מענש בעקומען מילך, — א שפייז וועלכע איז כמעט אונמעגליך בעקומען פיהרענדיג א יעגערשען לעבען.

נור עס קען זיין אז וויל אין פוסטען פעלד איז נישטא דיא ברייטבלעטיגע ביימער אונד דיא נאטירליכע פעסטונגעס, (מבצר'ס פון דער נאטור זעלבסט בעשאפענע) וואו דער מענש זאל קענען אין א שלעכטעס וועטטער זיך פארבעהאלטען, דעריבער ווערט ער פון דיזע זייטע אנהייבען זאלעווען דעם וואלד? ניין, עס הייבט זיך גאר ניט אן; פארקערט, ער האט יעצט בעסערע ווארנונגען וויא פריהער, דען אויסער מילך אונד פלייש שטעלט איהם צו דיא פיה אויך פעל. דיא אראפגענומענע פעל האט דער מענש ניט אוועק געווארפען, זאנדערען מיט־

בענוצען מיט זיך ווייל דאס איז שוין ניט געווען קיין גרויסע טרחה שלעפען זיך מיט דעם, דען ער האט געקענט ארויפלייגען דאס אויף דיא ציגעונערשע פערד.

ווען דער מענש הערט זיך, פון דיא פעלער צו ניצען עס קען ניט צוזעהן קיין וואסער, מיט שטעקענס. פיקענס מאכען אזא קארט פאלאטקעס, קען דאס איהם פארדינען פון א רעגען, אונד אזויא האבען מיר שוין אליין א געמאכטע סוכה. וואהין דער מענש קען זיך באהאלטען אין א רעגען. ווען איינער פון זייא פלעגען זיך ניט בעגעגענען מיט אזא קארט הויז וואס שטייט, וויא מען זאגט, אויף הינערשע פיסלאך, פלעגען זייא גראבען גרובער אראפ בארג אונד דיא גרובער האבען זייא געדינט פיר א בית עולם. וואהין זייא פלעגען זיך באהאלטען אין א שלעכטעס וועטער. געווינליך, אויף מאכען דיא לעצטע וואהנונגען איז אזעלכע אפן מעהר ארבייט וויא אויף דיא פא־לאטקעס. נור אזויא וויא דאס הוב האט דיא קאלטע געקענט נאכן בעקוועם בלייבען אויף אין ארט א היבשע צייט, האט שוין געלונט פארברענגען אביסעל ארבעט אויף דיא קארט הייזער, וועלכע האבען געדינט ניט אויף איין טאג זאנדערן אויף א געוויינליכע בעשטימטע צייט.

דער קארט לעבען הייסט: נאמאדיש (וואנדראווער, פאסטוכער, הירט צאן). אין דיא שטעפעס פון מזרח אונד צפון איירעפייאישע רוסיא, אין סיביר, טורקעסטאן אונד אין אסך אנדערע קאנטען געפינט מען נאך יעצט אויך אזויגע וואנ־דראווניקעס. אז דער מענש זאל קענען איבערגיין פון יענערשע

לעבען אין נאמאדישען (פאסטוכישען) ווענדעט זיך איבערהויפט
אן דעם ארט אין וועלכען מענשען לעבען. ווען דער ארט איז
דורך בעדעקט נור מיט א געדיכטען וואלד, קיין סטעפעס מיט
געוויקסע איז ארום ניטא, פארשטייט זיך אז דארט קענען
מענשען ניט אזוי גרינג איבערבייטען זייער יעגערישען לעבען;
ווען אבער די וועלדער זיינען איבערגעהאקט מיט פוסטע
ערטער. ווען דער קאנט האט גענוג די טהירען וועלכע מען
קען צוגעוויינען צו זיך, איז דארט געוועהנליך גרינגער דעם
ווילדען יעגער אפגעוואוינען זיך פון יעגערישען לעבען אונד
איבערבייטען זיך אין א נאמאד (טאנדראוניק).
מען דארף ניט זיין קיין גרויסער משכיל צו פארשטיין
וואס פאר א גרויסע מעלות דער נאמאדישער לעבען האט געגען
דעם פריהערדיגען. דער לעבען פון מענשען איז יעצט מיט
א סך אונד אודאבנער ווי פריהער, ער איז ניט אזוי אין
געפאהר פיר די ווילדע טהירען, ער האט מעהר שפייז, ער
ברויכט שוין ניט זיין גאנצען געדאנק אנשטרענגען אויף זוכען
שפייז, ער האט צייט קלערען ווי נאך מעהר פארבעסערען
זיין לאגע אונד קלערענדיג ענטדעקט ער אזעלכע בעקוועמליכ־
קייט פון לעבען וואס פריהער האט דאס איהם נאר ניט געקענט
אין קאפף איינפאלען. — זיינע פיה געבען איהם ניט נור שפייז
צום עסען, נור אויך, ווי מיר ווייסען שוין, וואהנונגען פון
פעל. די פיה זענען ספאסאבנע (פעהיג) טראגען אויף זייערע
פלייצעס פערשידענע משאות, דעריבער קען זיך דער מענש אנ־
גרייטען נייטיגע בעל־הבית'שקייט, וועלכע וועלען איהם שוין ניט

בעשטעהען זיין איבערגאנג פון איין ארט אויפ'ן צווייטען, דען עס וועט ווערען איבערגעטראגען ניט מיט די הענד נור מיט די פלייצעס פון דיא פיה. ווערענדיג אז איינע פון דיא הייזיגע פיה זיינען ספאסאבנע, טראגען אויף דיא פלייצעס משאות אונד ניט איבערמאטערען, איז דער מענש געקומען צו אזא געדאנק: פיללייכט איז מעגליך ער אליין זעלבסט זאל זיך בענוצען מיט דיא פעהיגקייט פון דיא טהיר ד. ה. זיטצענדיג אויף דיא טהירס פלייצע איבערטראגען זיך פון איין ארט אויפ'ן צווייטען. ווייזט זיך ארויס אז א אקס, א קוה, א אייזעל, א קעמעל אונד איבערהויפט א פערד זיינען זייער פעהיג צו דעם, אונד אזויא איז ארויסגעקומען רייטען. נור פאהרען רייטענדיג צוזאמען מיט קליינע קינדער וועלכע קענען זיך זעלבסט ניט האלטען אויפ'ן פערד איז אונבעקוועם, דעריבער האט דער מענש אנגעהויבען קלערען וועגען דעם. פילייכט איז מעגליך איינצוטראגען דיא רייזע אזויא, אז מען זאל קענען זיצען אביסעל בעקוועמער. דורך דעם קלערען איז ער געקוממען צו א מיטעל מאכען אזוינס וויא א קארט וואגען. פון אנפאנג זיינען געווים דיא וואגען געווען פאכאזשע אויף אונזערע דארפישע שליטענס; ראדער מוז זיין אודאי א שפעטערדיגע ערפינדונג. דיא אכסען פון ראדער-וואגען פלעגען ניט ווערען געשמירט מיט ווייכע שמירונג. דעריבער ווען עס איז געפאהרען אזא עקיפאזש פלעגט זיך הערען א געשרייא וואס רייסט ביי דיא אויערען. אזעלכע קיביטקעס אדער ארבי (арби) געפינט זיך נאך יעצט ביי דיא וואנדראווניע טאטערען, וועלכע זאגען אז זייא

פּאטרען וויא אָרדענטליכע מענשען, ניט בעהאלטען, בּרויכען וויא ניט זאָרגען וועגען דעם אז זייערע וואגען זאָלען ניט שפּריצען. אין אזא וואגען פליגט מען געווענליך איינשפּאנען אָקסען אָדער קיה, פון איבען האט זיא געמאכט אויגים וואָרע א בודקע, פון פעל, עס זאל ניט קענען צושטיין קיין רעגען אונד דיא היצע שטראַהלען פון דער זאָננע. אין וואגען אָדער קיביטקע זיינען געזעססען די קינדער מיט די פרויען אונד עס איז דאָרט געווען די גאנצע בעלעבאטישקייט, די מאנסבּליים האָבען דאס רוב געריטען אויף דיא פערד אונד אכטונג געגעבען עס זאָל צופאל ניט אנטלויפען א בהמה פון זייער סטאדע, אונד צו עס זעהט זיך ניט פערלייבט פון גרעסען עפּעס א געפאהר (סכנה).

אין דער צייט ווען מען ציהט זיך איבער, זיצען דיא פרויען, וויא מיר ווייסען, אין דיא קיביטקעס. וויא פארגעסען זיך שוין ניט מיט דיא גאנצע ארבייט וואס דיא מאנסבּלייט, וויא אין געווענליכען לעבען, זאָנדערען געבען אכטונג אויף דיא קינדער אונד ארבייטען נייטיגע פּראָדוקטען וואס איז נייטיג א״ז דיא בעלעבאטישקייט: פלעכטען שטריק, פעטלעס, נייען, מיט דיא הילפע פון אָדערען, קליידער פון פעל, מאכען פון וואָלל ווילקעס, פון מילך טוואָראָג (ווייכע אונגעקנעטענע קעז).

ביא דיא נאמאדען (וואנדערענדע פעלקער) טרעפען מיר שוין אויסגעארבעטע פּראָדוקטען פון מעטאל. דער ערשטער מעטאל וואס מענשען האבען אנגעהויבען געברויכען איז געוועזען קופּער, וועלכען אין איינע ערטער געפינט מען במעט

ליגען אויף דער ערד, אונד אייזען איז דערגאנגען געוואָרען אין אַסך א שפּעטערדיגע צייט. פון קופּפער איז אויסגעאַרבּעט געוואָרען געוועהר אונד פערשיעדענע ציערונג. דיא שטיינערנע מעסערס האָבען אָנגעהויבען בּיסלאַכוויים איבּערבייטען זיך אין קופּפּערנע אונד עס גייט שוין אַביין אין געבּרויך אַ שווערד. מען געפינט הײַנט אַסך קופּפערנע ציערונג, וועלכע געהערט, אַהנע צווייפעל, אָט צו דיא אַלטע צייט.

דיא פרויען האָבּען געטראָגען אויפ'ן האַלדז קופּפערנע פּערעל, גלאַטע אָדער געדרייטע אויף איינס אָדער עטליכע שנירעל. אויף דיא העגד אונד אַמאל אויף דיא פיס האָבען זיא געטראָגען אַזוינע בּראַנזילעטען; איבּערהויפּט איז דאַן געוועזען אין דיא גרעסטע, וויא מיר רופען דאס „מאָדע”, אַזעלכע בּובענטשיקעס (גלעקלאך), וועלכע האָבען זיך אָנגעהאַנגען אויפ'ן גאַרטעל, אונד בּייא יעדען קערפערליכען ריהר האַט דאס געקלונגען. קופּפערנע אוירינגלאך איז אויך דאַן שטאַרק געווען אין דער מאָדע. אַפּילו דיא ווילדע פון וואַלד האָבען אויך ליעב צירען זיך מיט פערשיעדענע ציערונגען, וועלכע ניט האָבענדיג קיין מעטאַלען, שטעבען זייא אַביין אין דיא אויערען, אין נאָז, אין דיא אונטערשטע ליפּ, מושעלען (Раковины), הילצערנע פּלאַסטינקעס.

אַזויא האַט זיך דער מענש אָנגעהויבען לעבען אין דיא פרייע סטעפּעס אונ זיין לעבען איז געוואָרען פרייער אונד בּעקוועמער. דעם גאַנצען טאג אונד דיא גאַנצע נאַכט האַט ער פאַרבּראַכט נור אויף אַכטונג געבּען אויף דער סטאַדע אונד

זיין טרייער בעגלייטער, דער הונד, האט איהם שטארק מיטגעהאלפען אין דעם. יעצט האט ער זיך שוין ניט אזוי געשראקען פיר דיא היקענדע חיות, דען אין פרייען ארט זיינען זיא ווינציג דא, אונד ווען זיא קומען יא אמאל אביין פון וואלד איז אויך ניט קיין גרויסע סכנות, ווארום ער קען דערזעהן זיא פון דערווייטענס, ווייל אין פרייען ארט איז ליכטיגער וויא אין וואלד, אונד דערווייל איידער זיא קומען צו קען ער אנווענדען ניטיגע מיטעל וויא פארהיטען זיך געגען זיא.

אז ער האט אנגעווארען דיא מורא פיר זיא, האט ער מיטלא אויפגעהערט דערקענען זיא פיר א געטטליכקייט, א איבערנאטירליכע קראפט, אונד אויך דיא גרויס ברייטבלאטיגע בוים צו וועלכע ער האט זיך פריהער געבוקט, האט זיא יעצט פארלאהרען די ווערדע ביי איהם. ווייל זי האט איהם יעצט נאר ווינציג נוטצען געבראכט. נור דער מענש ברויך האבען גראז זיינע פיה צאלען האבען שפייז, ער נייטיגט זיך אין רעגען, וועלכער פייכט אפ דיא לופט אונד גיט קראפט דיא ערד ארויסגעבען ניטיגע געוויקסע. ער מוז האבען ליכטיגקייט ער זאל קענען זעהן דיא ארגע פערדעכטען וואס ארום איהם אונד קענען פארהיטען זיך פון א געפאהר, אט, פענגט ער אן קוקען ארויף אויבען פון וואנען עס שטאמען ארוים דיא אלע פיר איהם נוטציגע זאכען. ער זעהט דיא זאנגע בעוואונדערט ער איהר פיינעם געשטאלט, ער בעמערקט איהר איינדרוק אויף דיא גאנצע נאטור אונד רעכענט זיא דעריבער פיר א גאטט. ניט האבענדיג קיין אמת'ן פערשטאנד פון גאטט, רעכענט

ער אז די וואנגע אליין פון זיך זעלבסט מאכט ליכטיגקייט , גיט ווארעמקייט אונד איהר ווארעמקייט ברענגט ארויס די געוויקסע ; ער בעמערקט אז די וואנגע רייזט איך ארום אויפ'ן הימעל וויא דער מענש אויף דער ערד , זיא טרייבט די שווארצע וואלקענס וויא דער מענש זיין סטאדע . נור אט האט זיך די וואנגע פארבעהאלטען , די טאג זייגען קלענער געווארען אונד פינסטערע קאלטע נעכט האבען זיך פערשפרייט אויף דער וועלט . אין אזא צייט דארף דער מענש זיך שרעקען אי פאר זיך זעלבסט אי פאר זיין סטאדע , הען סאי א מזיק א חיה סאי א מזיק א מענש קענען דאן שולט זיין , גאר אונ-בעמערקט צו געהן אונד אנטהון שאדען . „די נאכט איז בעי-שאפען געווארען פאר גנבים" זאגט דער עולם א שפריכווארט . אין געדיכטען וואלד איז ניט אזויא קיין גרויסער חלוק פון טאג ביז נאכט , אבער אין פרייען ארט בעמערקט מען דאס שטארק . ווען דער מענש האט דאס געזעהן האט ער זיך שטארק דער-שראקען , ער האט געמיינט אז די וועלט גייט שוין אונטער , די טאג וועלען ווערען וואס אמאל קלענער אונ עס וועט מעהר קיין ליכטיגקייט ניט זיין . נור נאכדעם אז עס איז אריבער א געוויססע צייט אונד די טאג האבען אנגעהויבען צוריק גרעססער ווערען , די וואנגע האט ווידער אנגעהויבען פאר-שפרייטען איהר ווארעמקייט אונד ליכטיגקייט , די ווילדע טהירען קערען זיך צוריק אום אין וואלד , די שלאנגען אין זייערע נארעס , ווידער פרייהייט ! ווידער זיכערהייט : אז דער מענש האט דאס געזעהן איז איהם אנגעהויבען קריכען

אין דיזער צייט אַ געדאַנק אַז עס געפינט זיך צווייא אָבער־גאַטירדיגע קראַפט וועלכע הערשען מיט דיא גאַנצע נאַטור: איינע איז גוטע אַ רחמנות'ע, דיא צווייטע אַ שלעכטע אַ פינסטע־רע. דער גוטער כח קאַמפט זיך שטענדיג מיט'ן שלעכטען דער חבר פון נגעים, מחלות, טראָגט אויך מלאך המות, און דער מענש האָפט אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט וואָס דער גוטער כח וועט מנצח זיין דעם שלעכטען, איהם אין גאַנצען אויסראָטען פון דער וועלט, אונד אומעטום וועט נור הערשען גוטס וועלכעס דיא פאַרשטייערין וועט זיין דיא זאַנגע.

מיר ווייסען שוין אין הגדה מיט וועלכע דיא ווילדע פעלקער זיך געטראָגען צו דער זאַנגע, אַזוי איזט זיא: „שטייא אויף, דו זאַנגע! איך שטעלל אונז צו דאַס אין וואָס מיר געזעסען זיך, דעקע מיט דיינע שטראַהלען דיא נאַכט מיט אַללע געפאַהרליכקייטען צו אונזער געגענד אונד נעם פון אונז צו פאַר אַ קרבן אַ ציג, אַ קוה אָדער אַ פערד. אָ זאַנגע! הימעל־קינד! דו זייא צו אונז גנעדיג אַז מיר זאָלען זיין בעריהמט מיט דיא פיעל קיה, מיט דיא כח שעפסען אונד באַראַנעס, מיט אונזער אייגענעם כח אונד געזונד!".

ווען אין יענעם'שען לעבען האָבען מענשען שוין אַנגע־פאַנגען חבר'ן זיך איינער מיט'ן אַנדערען אונד האָבען געלעבענט פיר גלייכער וואַנדערען צוזאַמען אַ גאַנצער שבט, איז אין נאָמאַדישען (פאַסטוכישען) לעבען האָט זיך נאָך מעהר פאַרברייטערט בייא מענשען דער קאָלעקטיווער (צוזאַמען) לעבען. איין מענש אַ יעגער האָט נאָך געקענט אַליין קריגען

שפיז, אבער איספראווען זיך אליין מיט א געוויססער צאהל
פיה איז נאר אונמעגליך. ווען ער אליין זאל נור אכטונג געבען
אויף זייא, וואלט א העלפט אנטלאפען אונד א העלפט וואלטען
דיא רויבענדע טהירן צושעצעט אונד ער וואלט געבליבען מיט
דיא ליידיגע הענד. דעריבער גיבען אכטונג אויף דיא סטאדע
אללע טשלענעס פון שבט אונד זיא געהער ניט צו איין מענשען
נור צום גאנצען שבט אונד יעדערער איז א גלייכער שותף.
ווען צווייא אזעלכע שבטים בעגעגנען זיך אויף א ברייטע
סטעפע גייט וועלטען אפ אהן א ברייטע מלחמה, ווען די ביידע
צדדים ווילען פארגרעסערן דיא צאהל פון זייערע שעפסען
קעמלען אונד פערד. דיא וואס האבען מנצח געווען פירען
געוויינליך צוגעמען אין גאנצען דיא סטאדע ביי דיא אונטער-
געגעבענע, ווארום מענשען וואס שטייען אויף אזא נידריגע
מדרגה ענטוויקלונג פרעגען ניט, אדער וויסען נאר ניט וואס
איז ספראוועדליווע (מיט יושר) אונד וואס ניט, זייער גאנצער
רעכט, דין, בעשטייט נור אין כח, כל דאלים גבר, ווער עס
איז שטארקער דער איז גערעכט, אונד ער קען זיך באספא-
ראשזאיען מיט יענעמס וויא איהם געפעלט. דיא מענשען וואס
האבען געהערט צו איין שבט האבען נאך עטוואס געפיהלט
איינע צו דיא אנדערע עפעס א אוואשזעניע, האבען זיך גע-
סטארעט ניט אבישזאיען איינער דעם צווייטען; אבער אויף
דיא טשלענעס פון א אנדער שבט האבען זיי נאר אנדערש גע-
קוקט אונד האבען זיך ערלויבט געגען זיי ארויסצווייזען שרעקליכע
אונמענשליכע מערדעריען. עס וועהט אויס אז אין דיעער

הינזיכט זייען וויא ניט אנדערע פון דיא מענשען-פרעסער
(Людоѣды).

איינע פון דיא גרעסטע ערפינדונגען וועלכע געהערט
געוויס צו דיא אלטע אונגעדענקליכע צייט, איז: פייער. נור
עס ווערט אויך אז אין דיא צייט וועגען וועלכע מיר רעדען דא
האבען זייא נאך ניט געוואוסט וויא ברענגען זיך א נוצן פון
פייער. דעם ערשטען מאל האט דער מענש געברויכט דערזעהן
פייער פון א טריקענעם בוים, וועלכער האט זיך אנגעצונדען פון
א בליטץ. בעקומען פייער איז געוועזען איינע פון די שווערסטע
אב מלאכות. אז מען האט געוואלט קריגען פייער פלעגט מען
אזויא לאנג רייבען צוויא שטיקער האלץ איינע אָן דיא אנדערע
ביז זייא האבען זיך פון היץ אנגעצונדען. נאך א מיטעל צו
בעקומען פייער איז געוועזען: האקען א קרעמען מיט א הארטען
מעטאל (אין דיא פארוואָרפענע דארפער געפינט מען נאך עד
היום אזא מין סארט אויסשלאגען פייער). נור דער מיטעל איז
געוויס א שפעטערדיגער, ווארום דער מענש האט ניט אזויא
פריה געוואוסט זיך פון דעם, אז דיא ערד ענטהאלט אין
זיך פערשידענע מעטאלען.

אז מען איז דערגאנגען פייער האבען דיא מענשען
ביסלאבוויס אויפגעהערט געברויכען רויע שפייז; זייא האבען
געקריגען מאגליכקייט געגענשטיין מיט אייגענע מיטלען געגען
דעם נאטירליכען קאלטען קלימאט פון דיא צפון-קאנטען,
אונד אזויא האבען זייא אנגעהויבען בעזעטצען זיך אין פערי
שידענע קאנטען. אפילו אין דיא וואַרימע קאנטען טרעפט אויך

אמאל זייער קאלטע נאכט, דעריבער קומט דארט אויך שטארק צונויף דאס פייער. נור אהוין דעם אללעס האט פייער אין זיך א מעלה וואס עס שרעקט דיא ווילדע טהירן אונד זייא האלטען זיך צוליעב דעם איין ניט מאכען קיין נאפאדעניע אויפ'ן מענש; וויעדער, דאס אליין וואס עס איז ליכטיג א גע-וויססע שטרעקע ארום איז אויך ניט קיין קליינע נוטין. דעריבער איז פייער גלייך וויא דיא זון אונד דיא לבנה גער[illegible]ט גע-ווארען ביי דער אמאהליגע נאראדען פיר א גאט, ער באדעט זיך אויך מיט דער פינקטעלקייט גלייך וויא דיא זון אונד דיא לבנה, ער מאכט אויך א גוטע ליעבע איינדרוק אויפ'ן מענשען אלזא איז ער אויך א גאטט״ אט, וויא עס האבען געבאך גע-מוזט פון אונוויססענשאפט קלערען דיא פארגראבטע אונגעביל-דעטע מענשען! געטצענדינער צו פייער געפינט זיך נאך היינט אויך אין אזיא, יעדעס יאהר גייען פון זייא גאנצע קאמפאניעס ארום באקו, וואו עס געפינט זיך, לויט זייער מיינונג, א היילינע קוועלע פייער, דען ארום באקו איזט דא ברענענדע נאפט-קוועלען.

וויססענדיג וואס פיר א מיינונג דיא אמאהליגע מענשען האבען געהאט וועגען פייער, קענען מיר לייכט פארשטיין דיא אורזאכע פאר וואס זייא פלעגען דאס רוב, ווען איינער איז געשטארבען, פארברענען זיין טוידטען קערפער. זייא האבען שטענדיג געמיינט אז דאס לעבען פון געשטארבענעם גייט אוועק אויף א נייע וועלט וואו עס הייבט זיך אן א נייער לעבען, נור נאך א ערגערע וויא אויף דער וועלט. דעריבער האבען זייא

גֶעוָואלְט אַז דֶעם מֶענְשׁ זָאל בֶּעגְלֵייטֶען אִין נַייעֶם לֶעבֶּען אַ גֶאטטלִיכְקֵייט, ד. ה. פַייעֶר אוּנְד דָאס זָאל זַיין אַ מֵלִיץ יֹשֶׁר פִיר אִיהם. דִיא אַשׁ פוּן פַארְבְּרֶענְטֶען קֶערְפֶּער פְלֶעגֶען זַייא אִיפְּקְלִייבֶּען אִין אַ טָאפּ, וֶועלְכֶען אֵיינִיגֶע פֶאלְקֶער הָאבֶּען מִיטְגֶענֶעמֶען מִיט זִיךְ וְואהִין זַייא זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען אוּנְד אַנְדֶערֶע הָאבֶּען פַארְגְרָאבֶּען אִין דֶער עֶרְד צוּזַאמֶען מִיט דִיא פְּרֶעדְמֶעטֶען מִיט וֶועלְכֶע דֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ בֶּענִיטְצְט בַּיי'ם לֶעבֶּען, כְּדֵי וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ נֵייטִיגֶען דָארְט אִין דֶעם זָאל עֶר הָאבֶּען גְרֵייט, וִויא לְמָשָׁל אַ בָּאגֶען, אַ בִּיקְס, אַ שְׁפִּיז א. ז. וו. דִיא נָאמַאדֶען (Кочевники) וֶועלְכֶע הָאבֶּען מִיטְגֶענֶעמֶען דִיא אַשׁ (אִיבֶּערְהִיפְּט הָאבֶּען זֵיי מִיטְגֶעפִיהרְט דִיא אַשׁ פוּן דִיא גְרוֹיסֶע גִבּוֹרִים וֶועלְכֶע הָאבֶּען בַּיים לֶעבֶּען אַיינְגֶענוּמֶען אִין אַ מִלְחָמָה אוּנְד דִיא אַשׁ פוּן דִיא מַנְהִיגֵי הַדוֹר (פִיהרֶערְס פוּן פָאלְק) וֶועלְכֶע זַייא הָאבֶּען בַּיים לֶעבֶּען גֶעעֶהרְט פִיר זֵייעֶר גוּטֶער פִיהרוּנְג), אַז זַייא זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף אַ אָרְט אוֹיף אֵיינִיגֶע מָאנַאטֶען, פְלֶעגֶען זַייא אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען דֶעם טָאפּ אַשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד, אַרוּם אִיהם פוּן אַלֶּע פִיעֶר זַייטֶען אַרוּמְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט שְׁטֵיינֶער אוּנְד אוֹיבֶּען אַ גְרוֹיסֶען שְׁטֵיין וֶועלְכֶער הָאט צוּגֶעדֶעקְט דֶעם טָאפּ וִויא אַ אַרְט דַאךְ. וֶוען זַייא זַיינֶען אַוֶועק אוֹיף אַ אַנְדֶער אָרְט הָאבֶּען זַייא וִויעדֶער מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם טָאפּ. אַזֶעלְכֶע בָּתֵּי עוֹלָם'ס הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען דָאלְמֶענִי (долмены).

III

דֶערְהוֹיפְּט זָאת פוּן יֶעדֶע הַאלְבְּווִילְדֶע מֶענְשֶׁען (ד. ה.

דער מענש וועלכער איז שוין איבערגעגאנגען די שטופע וואס מיר האבען געערקלערט איז: ווי אזוי פארזעהען זיך מיט א געוויסען פאראבאהט שפייז, אונד דאס איז די אורזאכע וואס באלד אין אנפאנג איז דער מענש דערצאהגען פארשידענע קינסטליכע כאכאכען ווי פארדייעגען די מיטלען פון בעקומען שפייז. דער יעגער קוקט זיך אין אויף דעם דיקען פון דיא ווילדע חיות אונד פויגעל אונד זוכט אין פראן ווי אזוי ער זאל קענען איבערער זיין זיכער אז דיא פאלענאגע ווען איהם געראטען. אלעס וואס איז געשעהן אין דיא כעארע איגטערעסירט שטארק דעם פיה פאטער וועלכער וועלנדיג אז דיא נאכפארשונגען זאל זיך פארגרעסערען שטארק ער זיך איינפיהרען אזוי אז עס זאל ארבעט דיא געפאהר פיר דיא הייבערע חיות אונד ניט זיך מיה איבערלעגען דעם האראקטער אונד געוואוהנהייט פון ווייגע פיה, אט דיא אבסטראקציא ברענגט דעם נאמאד צו דעם אז ער קוקט זיך צו וואס עסען אונד קענען עסען דיא חיות, אום ער זאל קענען ריכטיג וויסען אין וואס בעשטעהט זייער שפייז. ער דערזעהט אז כמעט אללע הייטישע פיה ערנאהרען זיך בלויז מיט געוויקסע, דאס איז דער הויפטשפייז זייערער. ער קוקט זיך צו, צו דיא גע-וויקסע פון פעלד וועלכע וואקסט פון זיך זעלבסט, ער זעהט באלד ווי עס שפראצט נור וואס ארוים פון דער ערד, ווי עס בליהט, ווי עס קומט ארוים פון דעם קערנער וועלכע איז אראפ-געפאלען אויף דער ערד אונד אין א געוויסע צייט ארום איז אויף דעם ארט פון דעם ארויסגעקומענע געוויקסע. ווען ער האט

נור בעמערקט אז געוויקסע באוויינאיען זיך פון קערנער, איז שוין ניט אזויא שווער זעהן בעקלערען אז עס איז מעגליך אליין איפקריכען צייטיגע קערנער, פארזייען זיי אונד עס וועט ארויסקריכען געוויקסע; עס איז מעגליך איינפיהרען איינִיגע פארבען, ראזען אין די גערטנער אין וועלכע פון זיך וועקסט וואקסען זייא ניט. זעהענדיג אז די מיהען געבען די אנדער יענע געוויקסע האט ער גענים איבערגעפירט זיך נוצען דעם געשמאק פון דעם אונד האט דאס אליין געגעסען, אונד דאס לאזט זיך זייער גלייכען, ווארים, וויא מיר וויסען, האט ער אין ערשטען לעבען ניט כמעט געגעסען מיט געוויקסע וויא ווילדע שוואמען, ווילדע יאגדעס א. ז. וו., נור אין די סטעפעס געפינט ער ניט, ניט קיין שוואמען, ניט קיין יאגדעס אונד ניט קיין פרוכט פון ביימער. דעריבער מוז מען ניט בראכטען מיט פעלדגעוויקסע ווען מען וויל ניט אין גאנצען אפזעגענען זיך מיט געוויקסע.

דער מענש האט געוויס ניט איינמאל פארזוכט גראז איידער ער האט זיך ערקונדיגט אויך בעשטימט אז זיא ענט-האלט אין זיך ניט קיין שום קראפט אונד פון איהר שפייז קומט זיין קערפער גאר ניט צו. נור אט איז איהם אריינגעפאללען א זאנג ווייץ וועלכע וואקסט איפ'ן ווילדען ארט אין איינִיגע ערטער אין היצען קלימאט פון זיך זעלבסט.

דער שטענגעל (Стебелекъ) פון די ווייץ איז ניט געשמאק, עס איז ניט פיטאטעלנע (עס זעטיגט ניט, עס ניט קיינע קרעפטען) נור די קערנער פון דעם וועלכע זיינען צוד

ריבען געוואָרען אין מונד מיט דיא ציינער אונד עס איז
געוואָרען וויך, איז א גוטע געשמאַקע שפּייז.

איינער האלבווילדער פענגט אן מאכען פראבעס אויף
דיא וויין, אונד צוזאמען מיט אנדערע קערנערנע געוויקסע
וויקט ער דאס: (אים צו פארווייקען): אין מילך, וואסער,
קאבט, א. ז. וו. אונד ער ערקענדיגט זיך אלע מאל מעהר
אז עס איז מעגליך דאס צו עסען אונד עס איז א גוטע שפּייז.
ער איז צופרידען, וואָרום דיא נייע שפּייז וועלכע ער פאר־
ברויכט אמאל איבער אמאל מיט דיא אלטע זעטיגט איהם
זייער אונד דאס ברענגט דעם מענש צו צופרידענהייט אונד
ניט ענערגיא צו ארבייטען. „כל ימי עני רעים, וטוב לב משתה
תמיד" האט משלי געזאגט. דעם ארימאן איז געבאך שטענדיג
ביטער זיינע טאג אונד נאכט אונד דער וואס האט שטענדיג
וואס צו עסען אונד וואס צו טרינקען איז איבמער נוט אויפ'ן
הארצען. אט קלייבט ער אויס אייניגע געוויקסע וויא דהיינו:
וויין, רייז אונד הייבט אן מטארען זיך אליין איסקוסטווענע
(מיט א אייגענער קונסט) איינפיהרען דיא געוויקסע כדי ער זאל
קענען האבען ווען ער וועט ברויכען, ניט ווארטען ביז עס
וועט זיך איהם טרעפען צו געפינען. ער קלייבט אויף אביסעל
קערנער פון דיא ווילד געוואקסענע שזילעס (געוויקסע) אונד
פערבלייבענדיג זיטצען א לענגערע צייט אויף איין ארט, טהיילט
ער אפּ צו דעם א שטיק פעלד, רייניגט זיא אויס פון דיא
ווילדע גראזען אונד ווארפט דיא קערנער אין דער ערד. עס
איז בעוואוסט וויא געשיקט עס ווערט צייטיג אין דיא ווארמע

לאנדער, דעריבער האט ער גיך דערזעהן אז זיין ארבייט איז ניט געוועזען אומזיסט אונד ער קען זיך אנזעטיגען מיט דיא פרוכט פון זיינע הענד, מיט דיא קערנער וועלכע זיינען ארויסגענומען געווארען פון דיא שיינע צייטיגע זאנגען וואס איז ארויסגעקומען דורך זיין פארזייען. נור מיינט ניט אז דאס איז איהם גרינג אנגעקוממען; פארקעהרט, ער האט געהאט דערביי גאר פיעל ארבייט אונד קלאפאט, דען אויסער דעם וואס ער האט געברויכט אויסיעטען דיא פעלד פון פערשידענע זייטיגע ווילדע געוויקסע, אויסשניידען דיא גראז, אויסטשאראפען דיא פאטשעווע (דיא אייבערשטע ערד) מיט א שארפעס גיוועהר, האט ער צו דעם נאך געמוזט שוין נאכ'ן פארזייען אכטונג געבען אויף דיא פיה וועלכע זיינען פון דיא ארבעה אבות נזיקין, האבען קיין רחמנות אויף מענשענס ארבייט אונד בראדשעוועדיג ארום פארקריכען זיי איפ'ן פארזייעטען ארט, טאפטשען מיט די פיס אונד פרעסען אויף דיא געוויקסע וועלכע דער מענש האט פארזייעט מיט זיין בלוטיגען שוויים. אט דאן קען זיין איז דעם מענש אריינ-געקוממען אין זינען א געדאנק מאכען אזוינס וויא א ארט פארצאמונג ארום דעם פארזייעטען ארט.

אזויא הייבט אן דער מענש בעקאנגען זיך מיט פערשידענע מיני תבואה אונד פאנגט אן געברויכען זייא פיר א שפייז. צו-ליעב דעם מוז ער זיך סטארען ניט בייטען דיא ערטער אזויא אפט וויא פריהער, ווארום ער מוז דאך א געוויססע צייט ווארטען ביז דיא פארזייאונג וועט צייטיג ווערען. פריהער האט ער ניט געהאט קיינעם וואס זאל איהם צובינדען צו

אַ אָרט, אָבֶּער יֶעצְט אִיז אִיהם שׁוֹין אַ שָׁאד זַיין אַרְבַּייט, עֶר ווִיל נִיט פַאֶרלִירֶען דִיא קִינְדֶער אוֹיף ווֶעלְכֶע עֶר הָאפְט זָא לַאנְג אוּנְד אִיז זִיכֶער אַז עֶס אִיז נִיט קֵיין פַאלְשֶׁע הָאפְנוּנְג, נוּר דֶערְוַוייל זַייֶען זִיא נָאךְ נִיט צַייטִיג. אָט אַזוֹיא הָאט עֶר גֶעקְרִיגֶען אַ צוּבִּינְדוּנְג צוּם אָרט אוּנְד פֶּענְגְט אָן בְּלַייבֶּען אוֹיף אֵיין אָרְט אַבִּיסֶל אַ לֶענְגֶערֶע צַייט ווִיא פְרִיהֶער. ווִיא בַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ בֶּעקַאנְט מִיט תְּבוּאוֹת, הָאט עֶר גֶעהַאט מֶעגְלִיכְקַייט בֶּעקוּמֶען שְׁפַּייז אַ הוּין דִיא סְטַאדֶע זַייגֶע, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִיבֶּער דִיא לֶעצְטֶערֶע נִיט אַזוֹיא גֶעצִיטֶערְט ווִיא פְרִיהֶער ווֶען עֶר הָאט גֶעהַאט דִיא גַאנְצֶע הַכְנָסָה פוּן דֶער סְטַאדֶע. מִיט אַ גְרוֹיסֶע סְטַאדֶע מוּז מֶען אָפְטֶער בַּייטֶען דִיא עֶרְטֶער ווַייל זִיא זְנִיפְּצֶען אוֹיף אַ אָרט זֵייעֶר גִיךְ דִיא גְרָאז, אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ אִיז יֶעצְט שְׁווֶערֶער אוֹיף דִיא פִיס, עֶס ווִילְט זִיךְ אִיהם שׁוֹין נִיט בַּייטֶען אַזוֹיא גִיךְ דֶעם אָרְט, עֶר ווִיל גְלַייכֶער הָאבֶּען ווֶענִיגֶער הֵימִישֶׁע פִיה אַבִּיא עֶר זָאל נִיט בְּרוֹיכֶען פַאֶרלִירֶען דִיא פַארְזֵייעֶטֶע קֶערְנֶער. אוּנְד אַזוֹיא גֵייט בִּיסְלַאכְוַוייס אִיבֶּער דֶער לֶעבֶּען בְּלוֹיז מִיט פִיה (נָאמַאדִישׁ) אִין עֶרְדַארְבֶּעטֶערִישֶׁען.

בְּלַייבֶּענְדִיג זִיטְצֶען אוֹיף אַ אָרט אַ לֶענְגֶערֶע צַייט הָאט דֶער מֶענְשׁ גֶעקְרִיגֶען חֵשֶׁק פַארְפִיהְרֶען זִיךְ עֶפֶּעס אַ בֶּעקְוֶועמֶערֶע ווָאהנוּנְג, אִין ווֶעלְכֶע עֶר הָאט זִיךְ פְרִיהֶער ווִינְצִיג גֶעבַּייטִיגְט, אוּנְד אִין אֶמֶת'ן, ווִיא אַזוֹיא הָאט עֶר גֶעקֶענְט פְרִיהֶער זָארְגֶען ווֶעגֶען זַיין ווָאהנוּנְג, דַאן ווֶען עֶר הָאט גֶעווָאוּסְט אַז הַיינְט אִיז עֶר דָא אוּנְד מָארְגֶען ווַייט פוּן דַאנֶען אֶפְשַׁר 20-30 ווֶיארְסְט ! עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט נִיט קֵיין צַייט, נִיט קֵיין לוּסְט

סטראיען זיך אפילו אביא א וואס פיר א וואהנונג, דען ער איז אין א קורצע צייט געבליבען אויף איין ארט אונד ער האט געוואוסט או אוועקגייענדיג פון דאנען וועט זיין ארבייט גיין לאבוד פארלארען אומזיסט) . אבער יעצט איז שוין גאר עפעס אנדערש, יעצט בעזעצט ער זיך אויף א ארט אויף עטליכע מאנאטען, לויגט שוין פארברענגען צייט אונד ארבייט אויף דעם. פריהער האט ער זיך געפוילט גראבען א פעשצערע (מערה) אונד האט זיך בעגנוגענט מיט א פאלאטקע וואס א רוס (בנינה) א געוויינליכער ווינט) האט געקענט אומוואַרפען ; יעצט אבער ניט נור ער גראבט א פעשצערע נור ער שטעלט נאך ארום מיט פלעקער, פלעכט ארום דיא פלעקער מיט צווייגען אדער דעקט צו מיט פעל, טראגט אביין אין זיין זעמלאנקע דיא ער זאל ליגען ווייכער, מיט איין ווארט : ער סטארעט זיך צוזאַמענשטעלען אין זיין ערד־הייזעל אזויא פיעל בעקוועמליכקייט אויף וויפיעל ער קען נור גרייכען מיט'ן כח אונד מיט'ן שכל. אט דא פאנגט זיך שוין אן א סארט היימיש־לעבען (осѣдлая жизнь).

פון אנפאנג בעזעצט זיך דער מענש אויף א ארט נור אויף־עטליכע מאנאטען, נור מיט דער צייט געוויינט ער זיך צו צום גייעם ארט אונ פענגט אן לעבען שטענדיג נור אויף איין ארט. איבערהויפט איז זייער פרייאטנע דער זיטצענדער לעבען אין דיא קאנטען וואו עס איז דא א צייט אין יאהר וואס איז קאלט, אין וועלכע זינט דער מענש איז דערנאנגען וויא בענוטצט זיך מיט פייער האט ער אנגעהויבען אריינגיין אין דיא

ער גענוסען דאס

מען דארף ניט מיינען אז דער מענש וועלענדיג איינאָרדנען זיך א היימיש לעבען האט געמוזט אין גאנצען אוועקוואַרפען דיא סטאדע; גיין, דאס האט גאר ניט געשטאָרט האבען א געוויססע צאהל פיה, וועלכע האבען געקענט פאשען זיך נאהענט פון זיין אָרט. נור קיין סך היימישע פיה האט ער שוין ניט געקענט האבען, ווארום צו פאשען זיא וואלט ער געברויכט פארנעהמען א ווייטע שטרעקע, שלעפען זיך מיט זיא דארט אהין אונד דאס וואלט איהם געשטאָרט דיא ערד-אַרבייט אונד ער וואלט ניט געקענט צוליעב דעם בלייבען אויף זיין יעצט בעליבטען בעשטימטען אָרט.

נור אין וואס פיר א אָרט האט געברויכט זיך בעזעצען דער מענש, ווען ער האט געוואלט פיהרען אזא לעבען? אין א ווילדע סטעפע האט ער ניט געקענט בעזעצען זיך, ווייל אויסער דעם וואס דיא ערד פון א סטעפע טויג ניט צו זייאונג, האט ער דאך געמוזט האבען האלץ אויף סטראָיען זיך א וואהנונג אונד אויף הייצען, אונד אין סטעפע איז קיין האלץ ניטא. אויף דעם בעשטימטען שטענדיגען וואהנונג האט ער געמוזט נואשזנער קוקען ווי אויף א ווערעמענע וואהנונג. די ווערעמענע וואהנונגען זיינען אויפגעסטראָיעט געוואָרען אזויא, אביא פון האנד אוועק, אבער א שטענדיגע וואהנונג איז ניט קיין פלאן אזויא סטראָיען. אט, אנשטאַדט דיא איינגע פעטצערע דיא אונבעקוועמע פאלאטקע איז ארויסגעקומען א ברייט שטיבעלע [illegible]פיילין. זיא וועט שוין גיט איינפאלען אין א בורע אונד היינט איז זיא קען זיא פארחיטען דעם מענש פון א שלעכט וויארסט ; ער הא-

חעמער, זיא איז בעקוועם אונד ווארעם, ווייל אין מיטע
שטוב שטייט א אטשאג (א אויווען אהן א קוימען) פון שטיינער
אויף וועלכען עס ווערט געברענט פייער, דער רויך גייט ארויס
דורך דער לאך וואס איז געמאכט אין דאך, וועלכע האט
בעדינט אנשטאדט אונזערע קוימענס. ווי מיר זעהען דא וויא
אזויא עס איז געבטראכטעט געווארען די הייזלעך פארשטייט
מען אז אין דיא פוסטע סטעפע האט מען דאס ניט געקענט
דערקאשען, דען עס וואר קיין מאטעריאל אויף דעם. דעריבער
אפילו אין אונזער צייט איז דא אונגעהייער גרויסע סטעפעס
וויא קאקפייקקע אונד מיטעל אזיאטישע (средне азiатской)
וואס האבען ניט קיין דארפער ניט קיין שטאדט אונד די איינ-
וואהנער פון דארט זיינען נאמאדען (פאסטוכער). וועלענדיג
האלטען זיך בייא ערדארבייט אונד ניט אויפלאזען אין איין וועג
דיא כמארע, האבען מענשען ניט געקענט בעזעטצען זיך אין
וואלד, דען ערשטענס איז דיא ערד פון וואלד, ווען מען קען
זיא ניט נוט בעארבייטען, ניט מסוגל (ניט נוט) צו תבואה,
צווייטענס, קענען דיא ווילדע טהירן אויסראטען דיא פיה אונד
אמאל נאך אנפאללען אויף זיין אייגען ווארהונג. אלזא זעהט
מען אז דיא בעסטע זאך איז געוועזען בעזעטצען זיך דארט וויא
עס גייט איבערגעהאקט, דא א שטיק פעלד, דא א שטיק
וואלד אונ דארט א שטיק וויזע (בלאטע, Лугъ). אט נאר
אויף אזא ארט האט געקענט דער אמאהליגער מענש זיין
תבואה, בעקומען האלץ אונד פאשען פיה.

ווען ער האט אמאל געהאט צייט האט ער געגוסען דאס

געוועהר זיינע אונד איז אוועק מיט א הונד מיטע אין וואלד נאכאוועץ זיך אביסעל פון ווילטאג ועגען מיט פאלעשאנגע אויף דיא טהירן אויף וועלכע זיין ווידע האט געשטרעבט ניט פון ווילטאג נור פון ווייטאג, דען ער איז געוועזען שטארק אין געפאהר אונד האט געמוזט שטרייטען מיט זיינע אלטע קארפערליכע קרעפטען, וויא מען זאגט, אדער מיר אדער דיר דעם טוידט, אבער יעצט איז ביא איהם דיא גאנצע שטרעבט א שפילאבטעל אונד ער שטרעבט אום צו בעקומען א ווייבע. האריגע אונד ווארימע פעל פון א וואלף אדער א בער אויף מאכען זיך א פעלץ מיט וועלכען מען קען זיך אין א נויט בעגיין אן דעם אויך. אמאל האט דער מענש געשטעלט נור אויף זיין אייגענעם קארפערליכען כח, אבער יעצט האט ער ביא זיך צו הילף א שארפען שווערד מיט א גוטשיסענדעם ביקס. היינט זעהט וואס פיר א גרויסע נפקא מינה איז צווישען זיידען אונד צווישען אייניקעל? יא! דיא צייט האט זיך שטארק פארבעסערט פיר דעם מענש.

קלייבענדיג ערטער וואו זיך בעזעטצען האבען דיא מענשען ניט געקענט ניט בעמערקען אז וואסער איז א גרויסע וויגאדע פיר דעם מענש: וואסער טרינקען מוז סיי א טהיר סיי א מענש, וואסער פרישט אפ דעם מענש וועלכער באדעט זיך אין איהר, איהר דונסט (פארע) קיהלט די היץ, וואסער שטעלט צו פיש מיט וועלכע, וויא מיר ווייסען, האט דער מענש שוין באלד אין אנפאנג געשפייזט זיך מיט דעם. פאר־ שטייט מען דעריבער אז דאס ערשטע בעזעטצונג פון מענשען

איז געוועזן: ביא א ברעג טייך אדער א אזערע, ביא א וועלדעל אונד דיא ערטער וואו דיא ערד איז אודאבנע אי איך זייען אי איך פאשען פיה. וויגענדיג ביא א ברעג טייך האט דער מענש בעמערקט אז האלין אין וואסער גייט ניט אראפ אויפ'ן גרונד, נור עס שווימט פון אויבען זא וויא טרוקן אונד ער וועקסט. אז ער האט דאס בעמערקט איז שוין ניט געוועזן קיין גרויסע זאך ערקלערען מאכען אויבען די אזא קאהן, אונד בענוצען זיך מיט דעם ווען ער ברויך איבערפאהרען אויפ'ן צווייטען ברעג.

דער מענש האט פארזייט תבואה קערנער אונד דיא נאטור האט בעלאהנט זיין ארבייט: ער קען, ניט נור שפייזען זיך מיט דעם ביז דעם צווייטען שניט, נור ער גרייט נאך אן א וואפאס, פילייכט מאכט זיך ניט קיין געראטענער יאהר. צו דער תבואה ברויכט ער א שפייכלער וואו עס זאל קאנען זיכער ליגען אונד ניט פארפיילט ווערען פון רעגען, אונד א באנק דיא האלין וואס געפינט זיך נאהענט איז זיין געברויך געווארען ערפילט.

ווען דער פאטער איז פארנומען אין פעלד מיט ארבייט פאשען דיא קינדער דיא פיה, נור אט איז דיא זאנגע פארגאנגען אונד עס איז אנגעקומען דיא פינסטערע נאכט, דיא חברה פון גנבים, אונז אין אזא צייט קענען דיא קינדער ניט בלייבען אין פוסטען ארט, דען ווען זיא זאלען בלייבען וואלטען זיא ניט געקענט בעשטיין געגען א וואלף אדער א שלעכטען ווילדען מענש ויא א וואלף וועלכע ביא נאכט אין דער פינסטער ווען מען בעמערקט זיא ניט פון

דערווייטענס קענען שטארק מזיק זיין. דער פאטער, וועלכער האט זיך אנגעארבייט א גאנצען טאג קען ניט צו דעם נאך גיין ביא נאכט היטען. דעריבער ווערט געסטראיעט ביי'ם הויז א שטאל וואו עס ווערען פארטריבען פארנאכט דיא פיה. נור נאך מעהר איז דער שטאל צוגיטן געקוממען ווינטער ווען קיין פאשע איז ניטא אונד מען מוז קארמענען דיא פיה אין דערי היים מיט היא אדער שטרויא.

אין דער צייט ווען דיא מאנכלייט ארבייטען דיא ערד אונד פאשען פיה פארגעהמען זיך די פרויען מיט שטובינגע ארבייט. מיט דער צייט האבען מענשען זיך אויסגעלערענט שפינען, וועבען אונד מיט די ארבייט אויך מיט נייען האבען זיך איבערהויפט פארנומען פרויען. זיא גרייטען אויך אן עסען זייערע מאנען אונד קינדער, מעלקען דיא קיה, גיבען אכטונג אויף דיא היימישע פאגעל אונד אויף דיא טהירע וועלכע גייען ניט אין פעלד.

נור ניט אללע מענשען זיינען געוועזען אזויא גליקליך אז זיא האבען געקענט אין פאלקאמענע גוטע ערטער סטראיען שטענדיגע וואהנונגען. עס האט זיך דעם איינוואהנער פון וואלד אויך פארוואלט אמאל איינארדענען זיך א בעקוועמע, זיכערע וואהנונג, אבער זיין ווילען האט ניט געקענט ערפילט ווערען, עס האט געשטערט דאס וואס אין וואלד געפינט זיך ווילדע טהירן אונד אנדערע ניט בעקאנטע זיינע מענשען, ווילדע יעגערס וועלכע וואלטען איהם געוויס ניט לאזען איינ-זיצען רוהיג. נור דער מענש האט זיך געגען דעם אויך א עצה

גענעבען. אז מען קען ניט כטראיען אויף דיא טרוקענע ערד האט ער געכטראיעט הייזער אויפ'ן וואסער. אין א אזערע ניט ווייט פון ברעג האט מען אריינגעשלאגען פאלעס (сваи) אויף וועלכע עס איז געכטראיעט געווארען א ארט בריק אונד אויף דעם איז אויפגעשטעלט געווארען אזעלכע קליינע הייזלעך. צוגעקומען צו דיא הייזלעך פון ברעג איז מען דורך א בריס פון וועלכען א טהייל איז געוויס בעשטאנען פון ניט אויפגע-קלאפטע ברעטער. וואס פלעגט ווערען ביי נאכט צוגענומען מען זאל זיין זיכער אז עס וועט קיינער ניט צוקומען. אין א טייך האט מען ניט געכטראיעט אזויגע הייזער, ווייל דיא קראפט פון דיא גייענדע וואסער וואלט זייא מיט דער צייט פארטראגען, אבער אין דיא שטייענדע וואסער פון דער אזערע קענען דיא הייזער זיכערע שטיין. אפטאטקעס פון אזויגע גע-ביידעס געפינט מען זייער פיל אין שווייצאריע. וויא ווייט אלט זייא זיינען צייגט דאס, אז א סך אזערעס אין וועלכע מען געפינט דיא אפטאטקעס האבען זיך שוין אומגעביטען אין בלאטעס.

העראדאט, וועלכער האט געלעבט מיט 2,200 יאהר צוריק האט געזעהן דיא הייזער אונד דיא מענשען וואס האבען גע-וואהנט אין דעם. אזוי דערציילט ער וועגען דעם: „אויף דיקע פאלעס וואס שטייען אין דער אזערע איז געמאכט געווארען א גרויסער בריק, וועלכער האט א סאאבשצענע (בעהעפטונג) מיטען ברעג דורך שמאלע בריקלאך. אויף דעם בריק האט יעדער בירגער געהאט זיין איינען הייזעל אין וועלכען עס איז געוועזען

א לאך אין פאל (פאדלאגע) גלייך אין וואסער אריין, אונד אום די קינדער וואלטען ניט אריינפאלען אין לאך האט מען צוגעבונדען די פיס ווייגעלע מיט א שטריק צו עפעס. אנ־שטאדט היא זיבען ווייא די פערד אונד די וויטשענע פיה (וועלכע שלעפען משאות) טרוקענע פיש, וועלכע דא איז אזוי פיעל אז וען מען קאום ארויס. דורך די לאך פון פאל, אזאך אין וואסער ווערט גר באלד פול מיט פיש. ביא אונז אין רוסלאנד אין ארכאנגעלסקער גיבערניע אין קעלטען אומגעגנד געפינט זיך א אנדערע סארטין, וועלכע ווארפט אמאל ארויס פארפיילטע פאדעם אונד קרעטער וואס זיינען געשלאגען מיט קופפערנע טשוועקעס. פון דעם ווערט מען אז אזעלכע פארבי־ראקעס וויא העראדאט דערציילט האט זיך געפינען אמאל אין ווייטען עלטער, אויך אין די ערטער וואס יעצט געהערט דאס צו אונזער פאטערלאנד רוסלאנד.

אט, וויא אזוי מענשען וואלגערען זיך פיעל טויזענ־דער יאהר פריהער אין יענערס נאכדעם אין פארטיגער ווייגען געקומען אם ענדע צו א זיצענדען לעבען.

אויך אין ערט האבען זיך בעזעצט איינצעלנע פאמיליעס, יעדע פאמיליע אין א בעזונדער הויז. אז די פאמיליע איז פארגרעססערט געווארען אז מען האט זיך שוין ניט געקענט זעצען אלע אין הויז, האבען זיא אויסגעסטראיעט נייע הייזער אונד אזויא איז ארויסגעקומען גאנצע דארפער בע־נעסען מיט די טשלעגעס פון איין שבט (Родъ). די ערד, דער וואלד אונד די גאנצע נאספאדארסטווא האט געהערט

צו אללע טישלעכעס פון שבת גלייך. אויפ'ן שבת איז געוועזען איינער א עלצטער וועלכער האט אבטיינג געגעבען אויפ'ן ארדענונג אונד האט געזעהן אז יעדער זאל ארבייטען זיין געוויכטע טהייל ארבייט; ווען צווייא ברידערס האבען זיך געקריגט האט ער שלום געמאכט צווישען זייא א. ז. וו., דיא לאגע פון מענשען האט זיך אומגעביטען צום בעסערען, זייא זיינען געווארען רייכער אונ האבען בעקומען מעהר בעקוועמ־ליכקייט פון לעבען. בייענדיג צוגעבונדען צום הויז האבען זייא שוין ניט אזויא גיך געריהרט זיך פון ארט, דעריבער האבען זייא זיך געשטארעט בעקומען דיא נייטיגע פראדוקטען פון לעבען בעסער דורך שטיללע ארדענטליכע ארבייט איידער דורך גראבאזשין. ווען דיא יעגערשע אדער פאסטוכישע (נאמאדישע) שבטים טרעפען זיך איינע מיט דיא אנדערע קומט שטענדיג ארוים א מלחמה צווישען זייא, ווייל ביידע ווילען האבען איין וואקה אדער אויף איין ארט ווילען דוקא ביידע פאשען דיא פיה, אבער דיא זיטצענדע ראדען (שבטים) זעהען צו לעבען גוט איינער מיט דיא אנדערע. איין ראד, באדורך ווייל ער וואהנט נעבען א גרויסע אזערע, האט זייער פיעל פיש מעהר וויא זיין איינענער געברויך איז, דערפאר אבער האט ער ניט קיין הארענע פעל אין וועלכע ער נייטיגט זיך שטארק, ווייל נעבען איהם נאהענט איז ניטא קיין וואלד. דער צווייטער ווידער פארקעהרט, פעל קען ער קריגען ניט נור פיר זיך זעלבסט, וויפיעל ער געברויך, נור אפילו אוועקגעבען פרעמדע ווען ער וויל קען ער האבען גענוג, דערפאר אבער קיין פיש

האט ער ניט. אזויא פארבינדעט זיך צוליעב דעם צווישען זייא
פריינדליכע פערהעלטניססע אונד עס ווערט אומגעביטען פעל
אויף פיש אונד פיש אויף פעל א. ז. וו. אונד דיא ביידע ראדע
(שבטים) ברענגען איינער דעם אנדערען א ניצין.

דאס איז דער אנפאנג פון מסחר.

נור ניט דער מסחר אליין ברענגט מענשען צו דעם, זייא
זאללען זיך שטארק לעבען אין אחדות, דאס איז נאך נייטיג
מען זאל אללע זיין זיכער מיט'ן לעבען אונד מיט'ן פארמעגען.
מיר האבען שוין געזעהן, אז דיא וואנדראונגע פאלקער האבען
געזוכט מיטלען וויא פארהיטען זיך פון דיא רויבענדע יעגערס.
אט דיא זעלבע געפאהר איז פארגעשטאנען דיא ערדארבעטא-
רער פון דיא וואנדראונגע פאלקער, וועלכע זיינען ניט וויים
געוועזען פון בעראבעווען איהם אונד בענוטצען זיך מיט זיינע
אויסגעארבעטע פראדוקטען. וויעדער האט זיך געטראפען אז
איינער פון דיא ערדארבעטארער גופא, וועלכער האט ניט
געוואלט לעבען א ארדענטליכען שטילען לעבען אין דארף, איז
אוועק אין וואלד, האט אויפגעקליבען א באנדע באנדיטען וויא
ער אונד האבען זיך געלאזט אין די דארפער רויבען. אנטקעגען
אזוינע באנדיטען אונד אנטקעגען דיא וואנדראונגע פאלקער
האט מען געמוזט שטענדיג זיין גרייט פארהיטען זיך פאר זייא,
דעריבער האבען דיא נאהענטע דארפער געמאכט צווישען זיך
אחדות, זייא זאללען העלפען איינע דיא אנדערע אין א נויט.
איבערהויפט זיינען געוועזען ניטהיגליך פיר דיא ערדארבעטארער

דיא וואנדראווגע פאלקער, וועלכע זיינען געווען זייער פיל אונד וועלכע וואנדערנדיג איבער דיא סטעפעס פלעגען אנפאללען אויף יעדען דארף וואס האט זיך זייא נור געטראפען אויפ'ן וועג אונד אנגעמאכט גרויס שאדען. דעריבער האבען דיא זיטצענדע ערדארבעטארער געזעהט אז מען דארף זיך בארען געגען זייא מיט אבשטצע כחות, אללע דארפער צונזאמען, אונד אין דיא ערטער וואו עס פלעגען אפטערער קומען דיא וואנדראווי-טשיקעס האבען זייא געטראיעט אזעלכע קרעפאסטען פון גריבער, אקאפעס אונד הילצערנע וואנט. אין דיא ארומגע-צאמטע ערטער וועלכע האבען געהייסען שטאדט פלעגען זיך אין א אבשטצע געפאהר אויפקלייבען דיא ארומיגע שטילע איינ-וואהנער אונד דארט אונטער דיא אוקרעפלעניעס האבען זייא געקענט גוט זיך אפבראנען פון דיא שונאים, וועלכע, וויא גרינג זייא געמען איין אין א אפענעם ארט אזויא שווער איז זייא ארייניקריכען אין א ארט וואס איז ארומגעגראבען אונד ארומ-געצאמט מיט א וואנט.

אמת, אפילו דאן ווען זייא האבען ניט איינגענומען דיא שטאדט האבען זייא פונדעסטוועגען אנגעמאכט פיעל שאדען, דען זייא וניטצען דיא תבואה פון פעלד, פארברענען דיא הייזער פון דיא פוסטע דארפער, נור דערפאר אבער קענען זייא ניט ראבעווען דיא סטאדע, וואס איז פארטריבען געווארען אין שטאדט, ניט הרגענען קיין מענשען, אונד דיא תבואה מיט דיא הייזער וואס פעהלט איז נאך ניט אזא אומגליק, ווארום תבואה איז אויפ'ן צווייטען יאהר אפגעוואקסען אונד

הייזער איז אויך ניט אויפגעבראכט ווייל דער וואלד האט געהערט צום כלל אונד יעדער האט געקענט נעמען וויפיעל ער האט געברויכט אונד א דאנק דיא ארבייט פון ערדארבעטער איז דער שאדען ניט פארהיילט געווארען.

אויפבויען א שטאדט דארף א סך מעהר ארבייט פארנעמען וויא א דארף; יעדער, מיט'ן דארף בענוטצען זיך נור דיא איינוואהנער פון דארף אליין, מיט דער שטאדט אבער בענוטצען זיך אללע ארומיגע דערפער, אלזא, בויען א שטאדט איז א אבשעצע זאך אונד אללע וואס ווילען האבען א ארט וואו זיך בעהאלטען אין א געפאהר טוען נעמען א טהייל אין דער ארבייט. אט דא דארפען זיך שוין ווידער צוזאמענבינדען פערשיידענע שבטים (Родъ), אלזא, דיא אבשטאמאטעלסטעס פון זעבען אליין דרייען זיך אזויא אז זייא ברענגען צו דעם עס זאל ווערען א שטענדיגע פריינדליכע פערבינדונג צווישען מענשען פון פערשיידענע דערפער. זייא הבר'ן זיך ערשטענס. צוליעב מסחר, זאלען קענען טרייבען דיא פערשיידענע פערמעגען זייערע. צווייטענס, דער גאנצער כלל זאל קענען זיין זיכער מיט'ן לעבען אונד מיט'ן פארמעגען.

מיט יעדען דארף בעזונדער האט רעגירט א עלצטער, אדער א שופט, נור ווען עס איז אויסגעקומען אזא זאך וואס האט אינטערעסירט דעם גאנצען אקאלאדאק (גליל) דאן האט זיך אויפגעקליבען, ווי מען רופט דאס, א וועטשע (вѣче), ד. ה. א אסיפה פון דיא בעלי בתים פון צווישען זיך צוזאמענגעבונדענע דערפער, רעשען וואס מען זאל טהון. אויף אזא אסיפה האבען

וויא געוועהנליך איפענעקליבען זיך אין שטאדט.

דיא יעטשעטשעס (Bheel) האבען זיך איפענעקליבען אין בע־שטימטע צייטען: דרייל, איינמאל אין יאהר, איינמאל אין דריי אדער פיער יאהר. ניט אין דיא בעשטימטע צייט, ווען עס איז פארגעקומען א געפאהר דעם גאנצען כלל. אזויא וויא איזן דיא אסיפות זייערע איפענעקליבען מענשען פון פערשידענע דארפער, אזוא איז געקומען א איינער וואס געוויזט זיך אין פייער, א איינער וואס געוויזט זיך אין קעל, א דער וואס ברייט פיה, א דער וואס באלד ברויט. דעריבער איז באן געווען דיא בעשטימטע צייט מאכען געזעצע ה. ה. בייטען דיא פראדוקטען וואס איינער האט מעהר וויא ער ברויך, איזן דיא פראדוקטען וואס יענער האט איבעריג אויך ער געוויזט זיך אין דעם אונד יענער ווידער געוויזט זיך אין זיין פראדוקט. אזויא זיינען דיא יעטשעטשעס אין דער זעלבער צייט געווען אויך יידים אונד אזויא וויא דיא יעטשעטשעס האבען זיך איפענעקליבען אין שטאדט האט זיך דא אנגעהויבען באזעצען מסחר.

אזויא האבען מענשען געלעבט אין דיא ערשטע אונגע־דענקליכע צייטען. אזויא זיינען זיא [illegible] פיעל יאהרען [illegible] ער־געגאנגען פון יעגערישען לעבען אין נאמאדישען אונד פון נאמא־דישען אין אזיבצענדען, הויזישען.

מיר ווערען זיינען געוועזען יעדאכבעשטערע אונד אנגע־הויבען פיהרען א זיבצענדען לעבען נאך מיט 3000 יאהר צוריק.



№ 2. | א. קאַטיק'ס אויסגאַבען.

וויסענשאַפטליכע פאָלקס־ביכער.

ערצאָהלונגען וועגען ווילדע מענשען

פערפאַסט פון קאַראַבטשעווסקי.

איבערזעצט דורך

א. ברעסלער.

צווייטע אויסגאַבע.

ווארשא

דרוקק האַלטער עם קאַמפּ., נאַלעווקי 7.

№. 2. א. קאטיק'ס אויסגאבען.

וויסענשאפטליכע פאלקס ביכער.

ערצאהלונגען וועגען ווילדע מענשען

פערפאסט פון קאראבטשעווסקי

איבערזעצט דורך

א. ברעסלער.

צווייטע אויסגאבע

וואַרשא

בדפוס האלטער ואייזענשטאדט, נאלעווקי 7.

שנת תרנ"ח לפ"ק

ЭРЦЕЛЕНГЕНЪ ВЕГЕНЪ ВИЛДЕ МЕНШЕНЪ

т. е. Разсказы про дикаго человѣка.

Соч. КОРОБЧЕВСКАГО

Перевелъ съ русскаго А. Бреслеръ.

Второе изданiе

А. Котика.

ВАРШАВА

Типографiя М. П. Гальтера и М. Айзенштадта, Налевки № 7

1898.

—

Дозволено Цензурою
Варшава, 10 Февраля 1898 г.

„ווילדע יאגערס

I.

אייגענע און פרעמדע מענשען.

וועלכער מענש האט אין זיין לעבען ניט געזעהן פערשידענע סארטען מענשען? אפילו אין א קליין שטעדטל טרעפט אויך זעהר אפט אז עס פאהרען דורך ציגיינער — פערדס סוחרים, פויערן פון דארף ברענגען תבואה אין מארק אריין; א מאל געהט דורך א „ווענגער" מיט א גרויסען קארב גאלאנטעריא סחורה; עס טרעפט אז דער פריין פון שטעדטל איז א דייטש, דער עקאנאם זייער א פראנצויז און דעם וואלד וואס געפינט זיך נעבען שטאדט האט געקויפט א ענגלאנדער.

דעם פרעמדען מענשען ערקענען מיר אי דורכ'ן געזיכט אי דורך דיא קליידער זייערע: דער ציגאנער איז שטענדיג שווארץ-ברוין מיט געקרייזעלטע האאר און געקליידעט ווי א רוססע. דער פויער איז אויך א ביסל שווארץ, נאר דאס געזיכט איז גאר עפעס אנדערע און געקליידעט אויך אנדערש. דער ווענגער האט אויך שטענדיג א פארברענט פנים מיט שווארצע האאר. פון דעסטוועגען איז ער פארט ניט געראטען, ניט אין ציגאנער און ניט אין פויער אפילו דיא רוססיש וואס ער רעדט איז אויך נאר ווי א אנדער שפראך. אין אנדערע ערטער טרעפט מען נאך מעהר פרעמדע און אונבעקאנטע מענשען: טאטארען, ארמיאנער, גרעקען א. ז. וו. א טאטאר דערקענט מען באלד אן דיא געגאלטע קאפף אויף וועלכע ער טראגט א יארמאלקע, און דער קרומער נאז און זיין געלען חאלאט. א ארמיאנער און א גרעק ווען זייא טראגען ניט זייערע קליידער קען מען ניט באלד דערקענען, נאר אז מען זאלל צוזאממען וואהנען מיט זייא א געשטימטע צייט וואלט מען געוואוסט ווי ערקענען זייא אי אין געזיכט, אי אין

דער שפראך אונ אין נאך אנדערע סימנים. — אין אנדערער שטאדט וואו דער מסחר איז פארשפרייט, קענען אזוי פיעל פערשידענע מענשען פון פערשידענע לאנדען אונ מען קען אמאל זעהן א חינעזער, א נעגער מיט קליינע קרויזע איינבאר, אהן וואנסעס, מיט רויטע נייקע פאראשיגעס. דארט קען זיך אמאל פארפארען א טערקע. — א שווארצן האריגער נאר ניט קיין שווארצן געזיכט אין א משאלטע, אין א קורבקע 1) אין ברייטע הויזען אונ א האלאט פון אויבען. מען טרעפט אמאל א נעגער שווארץ ווייא קמאלע אונ האאר וויא שווארצע וואלל. געוועהנליך. דיא מענשען וואס זענען ניט גלייך צוא אונז, ניט מיט'ן געזיכט, ניט מיט דער שפראך אונ ניט מיט דיא קליידער, קען מען לייכט דערקענען אז זייא זענען פרעמדע, נאר מיר דערקענען אפילו א דייטש, אפילו א ענגלאנדער אונ ניט דורך'ן קליידען נאר אויך יודען אונ אפילו די וואס האבען כמעט דיזע זעלבען געזיכט זייא מיר, וויא מען זאגט: „עס ליגט זייא דער יוד אויפ'ן פנים", מיר האבען שוין אונזערע סימנים מיט וועלכע מיר דערקענען דעם חלוק פון איינעם ביז'ן צווייטען, נאך מעהר אפילו רוסישע יודען אליין זיינען אויך ניט גלייך איינע צוא דיא אנדערע אונ מיר קענען אונטערשיידען ניט נאר א ליטוואק פון א וואהלינער, נאר וועלכליבע מענשען דערקענען צווישען ליטוואקים גופא אז דער איז א ווילנער אונ דער א מינסקער. א בריסקער אונ א ביאליסטאקער זענען אזוי וויא צוויא פערשידענע קאדער מענשען.

יא! זעהר פיעל פערשידענע סארטען מענשען פון פערשידענע נאציאנען וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, קומט פאר צו זעהן יעדען, אפילו דער וואס הזט א היימישע פרנסה אונ פאהרט ניט ארויס קיין ד' אמות פון שטאדט. וועד רעדט דער וואס רייזט אין פערשידענע לאנדער. דער דאכט זיך האט שוין עווים געזעהן אלערליי סארטען מענשען. נאר אויף דער וועלט לעבען נאך א סך מעהר מענשען, וועלכע מיר האבען קיינמאל ניט געזעהן אונ וועגען וועלכע מיר האבען כמעט נאר ניט געהערט. ווען עס איז שוין יא פארגעקומען עפעס צו הערען איז אלץ אזעלכע

---

1) א כארט אינזערע קלייגע פעלצ'אך, איבערז.

באבע-מעשיות: אט, דארט אין דיא ווייטע ערטער וועגען דא
מענשען מיט הינטישע קעפּ אדער מיט אויגען ביז דיא ערד
אין מענשען מיט ווידערען; דאס דארף מען אבער ניט גלויבען, אויף דער
וועלט ליגען מענשען מיט פערשידענע קאלארען, אי ווייסע.
אי געלע, אי דונקעל-ברוינע, אי שווארצלעכע, נאר וויא זענען
אלע אייגענע מענשען וויא מיר.

II.

דער חלוק צווישען מענשען.

דער חלוק צווישען מענשען קומט ארויס פון דעם, וואס
זייערע זיידעס האבען געוואוינט אין פערשידענע ערטער און צו
יעדער ארט האט מען געמוזט זיך צופּאסען. מקומו של אדם
זהו בונו, אין וואס פיר א ארט דער מענש וואהנט אזא לעבען
איז ער געצוואונגען צו פיהרען.

איינער איז איינגעוועהנט צו וואהנען אין וואלד און לעבען פון
פאלעוואניע (יאגען) אויף בהמות (חיות) אדער פאגעל. צו
דעם איז איינגעקומען אויסגעווען וויפיעל מאל פיעל וואַרטען, אויסזוכען
דיא זילדפערטער צייט (זוכען) ווערען וואו זיא באהאלטען זיך, אויס-
שיסען דערנאך מיט איין שאס און ניט מאכען קיין פעהלער.
אום ניכט פארלירען אומזיסט א פייל אדער א קויל וועלכען צו
באקומען איז זעהר שווער אנגעקומען. אזא יעגער קען מען
אריינפיהרען אין געדיכטען געדיכטען וואלד. וועט ער ניט פאר-
בלאנדזשען. ער וועט שטענדיג געפינען א וועג, נאך דער זון, נאך
דעם שאקלען פון דיא ביימער, נאך דיא טריט פון דיא חיות,
דורך וועלכע א אנדערער געהעריג אויפ'ן זעלבען ארט, וועט גאר
ניט באמערקען אז דא זענען ווען געגאנגען מהירען. ווען דער
יעגער איז נאך אין וואלד און עס איז געווארען נאכט איז אויך ניט
קיין סכנות, ער איז שוין געוואהנט צו דעם און זוכט אויס א
טרוקען ארט וואו ער זאלל זיך קענען לייגען, אדער ער קריכט
ארויף אויף א בוים און נאכטיגט איבער. אין נאהנטען וואלד וואו ער
קומט אפט, קען ער יעדען בוים'ל, יעדע קנאספע, ער ווייס

יעדעס מאל וואס איז יעצט אם בעסטען צו זוכען אונ ער האט פון ביקס מעהר חיונה וויא ער זאלל זיך גערן יעצט פארנעהמען מיט דער סאבע וועלכע ער איז ניט געוואהנט.

ווענן עס איז אויסגעקומען וואהנען נעבען א ברעג פון אזערע אדער ביים ברעג ים, דער האט זיך צוגעוואהנט צום וואסער אונ גוט אויסגעלערנט האפען פיש: אין וואס פיר א וועטטער עס איז, וועט ער אלץ קענען אויספארען זיך מיט דער לאדקע; ער ווייס פריהער ווען עס וועט איהם נאך לייכטער זיין אללע מאל אריינפאהלען אין נעצען מעהר פיש וויא שטענדיג אונ ווייס וויא פארהיטען אז זיא זאללען ניט געהן אין [illegible]. ער קען זי זאלצען אי ווינדלען [illegible] אי [illegible].

ווער עס לעבט פון דער ערד, דער האט שוין בעסער פון די עלטערן בעקומען די אללע ידיעות וואס מען בראכט צו דעם: וויא אויסקלייבען א גוטע ערד וואס איז מסוגל צו תבואה, וויא בעארבייטען זיא ווען זייען, ווען שניידען אונ אויפקלייבען פון פעלד, וויא דאס טרוקענען אונ היטען ביז די צייטיגע [illegible].

מיר זעהען ביי אונז אז יעדער פויער קען גוט די נאטור פון זיין שטיקל ערד אונ ווייס וויא בעגעהען זיך ארום איהר. נאר דער פויער איז וויא מען זאגט, נאר אויף זיין באנק א מאכער, ביי איהם איז דארף ווייס ער וויא צוא פיהרען, אבער אז ער פאלט אריין אין שטאדט פיהלט ער, אז דארט זענען די מענשען, הגם ניט קליגער, אבער פלינקער שפיטציגער. א שטאדטיגער איז שוין גאר ניט דער אייגענער וואס א דארפישער; ער זאלל קריגען ארבעט, ער זאלל געפאללען דעם פרינציפאל אונ ווען ער ארבעט אדער האנדעלט פאר זיך – דעם קונה, מוז ער געהן ריינער אונ שאנער אנגעטהון, אויך לעבען אנדערש. דעריבער, א ישובניק אדער א קליין שטאדטל'דיגער ווען ער וואהנט אין א גרויסער שטאדט, ווערט ער, מיט דער צייט, גאר ניט ענהליך אויף זיינע אלטע חברים וועלכע זענען געבליבען זיצען אין זיין געבורטס-ארט.

דאס וואס מיר זעהען ביי אונז, איז דאס זעלבע אויף דער גאנצער גאטטעס וועלט. גאנץ לאנג, נאר אמאל אין ווייטען

קעלטער האבען מענשען זיך צושפרייט און בעזעצט איבער דער וועלט און עס איז זייא אויסגעקומען לעבען אין פערשידענע ערטער — איינע, אין קאלטע וואו דיא ערד געהט אפ נאר צוויא מאנאטען אין יאהר — אנדערע, אין הייסע וואו סטערינאווע ליכט צוגעהען אויף דער זון, און ווידער עס געהט אוועק א לאנגע צייט נאר אהן רעגען אדער עס גיסט מיט א מאל אוים א רעגען וויא א מבול, דיזעלבע פארגיסט אללעס וואס געפינט זיך ארום. דעריבער, דיא איינוואהנער פון דיא קאלטע קאנטען זענען בכמעט א גאנץ יאהר איינגעוויקעלט אין צוזאמגענעהטע צוויא פעל, און דיא איינוואהנער פון דיא ווארימע קאנטען געהען נאקעט וויא אדם הראשון. און מיר און מענשען וואס זענען פאבאשע (עהנליך) אויף אונז, וואהנען אין א זעלבע ערטער וואו אין יאהר איז א העלפט ווינטער און א העלפט זומער און וואו עס איז דא גענוג רעגען. דערפאר אבער קענען אסך געוויקסע ניט וואקסען אין אונזערע קאנטען.

מיר ווייסען שוין: ווען מיר בעגעגענען א מענש וואס איז פאבאשע אויף אונז, בעווייזט דאס אז ער וואהנט אין דיא ערטער וואס זענען גלייך צו אונזערע און דיא ערטער וואו עס איז א סך הייסער אדער א סך קאלטער וויא ביי אונז זענען ניט אזוינע ערטער וויא אונזערע און מענשען זענען דארטען אויך אנדערע.

III.

נעבילדעטע און ווילדע מענשען.

דער לעבען פון דעם מענשען איז ניט אומעדום גלייך. אין פערשידענע קאנטען איז פערשידען דער לעבען זיינער. אין דיא קאלטע קאנטען קומט איהם אום שטענדיג נאר באַרען (ראנגלען) זיך מיט דיא שטארקסטע שונאים פון מענש: הונגער און קאלט. קיין תבואה וואקסט דארט ניט, אין דיא וועלדער געפינט זיך ניט קיין שום עססענוואַרג אויסער שוואמען און יאגדעס און דער מענש איז גענייט לעבען פון פאליעוואנע (יאגד) און פיש חאפען. אין קורצען: זומער ברויך ער אנגרייטען שפייז אויף א גאנץ יאהר.

דאן קען ער זיך ניט פארהיטען מיט קיין אנדער זאך אויסער מיט'ן מאכען דעם זאפאס, און ווינטער גייט איהם דער שטארקער פראסט זארגען נאר וועגען דעם, ער זאל ניט דערפרארען ווערען. אין דיא הייסע קאנטען, פארקעהרט, וואקסט יעדע זאך א סך און אליין אלליין פון זיך זעלבסט און דער מענש זאטיגט זיך אן מיט ווינציגער שפייז וויא אין דיא קאלטע ערטער. דארט מיט דיא אויבסט פון עטליכע בוימער קען דער מענש אפלעבען א גאנצען יאהר. דערפאר אבער איז ער ניט געוואהנט צו קיין ארבייט, ער ווערט אזוי פויל אז דיא גרינגסטע ארבייט איז ביא איהם שווער. נאר אין דיא ערטער וואו דעם מענש קומט אום ארבייטען און אז ער שפייזט זיך פון זיין ארבייט, אז ער האט נאך לייריגע צייט אויך, קענען מענשען אריבערקלערען, באטראכטען אללעס וואס געפינט זיך ארום זייא, קלערען וועגען דעם, וויא אזוי מען זאל קענען מאכען אז דאס לעבען פון מענש זאל ווערען גרינגער און בעקוועמער. דאס וואס זייא האבען בעקלערט איז איבערגעגאנגען פון דיא עלטערן צו דיא קינדער. דער יונגער דור האט נאך צוגעגעבען צו דעם וואס מען האט שוין געוואוסט פון דיא ארבייט און אזוי איז ביסליכווייז, לאנגזאם ארויסגעקומען דאס וואס הייסט בילדונג (ציוויליזאציא).

נאר ניט אללע פעלקער האבען געקענט דערגרייכען צו בילדונג, צו דעם האט מען געברויכט לעבען אין דיא קאנטען וואו עס איז דא פלאכע בהמות וועלכע מען קען צוגעוואהנען צו זיך און נוטצליכע געוויקסע וועלכע מען קען זייען. דאס איז נאך אויך ווינציג, מען האט נאך געברויכט אז אין דיא קאנטען זאל מען קענען געפינען דיא מעטאללען קופפער און אייזען און מען זאל פון דאנען קענען גרינג אריינקומען אין אנדערע געבילדעטסטע ערטער. א סך פעלקער האבען ניט געקענט פארפיהרען ביא זיך נוטצליכע בהמות און געוויקסען, פראסט, ווייל זייא האבען ניט געהאט וואו צו היטען אזוינס און האבען געוואהנט ווייט פון דיא געבילדעטע פעלקער וואס זייא זאללען קענען פון זייא זיך אויס-לערנען נוטצליכע וויססענשאפט און נוטצליכע מלאכות. אללע פעלקער זיינען געגאנגען אויף איין וועג: אויסלערנען זיך ביסליכ-

וויס וויא פארבעססערן דאס לעבען, איינע זענען אוועק ווייט אין דעם וועג, דיא צווייטע האבען זיך אפגעשטעלט אין מיטען, און דיא דריטע זענען געבליבען שטעהן באלד אין אנהויב וועג. אט דיא לעצטע, וועלכע קאנען ניט, ניט שרייבען פיר זיך, דיזער פון שטיינער אדער פון ציגעל, ניט באנוצען זיך מיט אייזען און ניט שרייבען, רופט מען: „ווילדע פעלקער".

נאר מיינט ניט אז דער ווילדער מענש איז גאר ניט פאבאזשע (עהנליך) צוא אונז נור איבערהויפט צוא דיא ווילדע טהיערען, ווייל ער איז שטענדיג נע נעד, האט ניט קיין בעשטימטע וואהנונג. פאלט אויף זעהען אין, געבט דאגעגען פרייז א. ז. וו. גיין ער איז דערוועלכער וואס עס זענען געווען אמאל אין ווייטען פערגאנגענהייט אונזערע זיידעס, און וואלט דאס אונז נאר ציא קיין גנאי ניט זיין, וועלכע מיר אליין יעצט גרייכען דערוועלבען, זיינע אונזערע זיידעס זאלען זיך דארט באווייזען אין מיר זאלטען זיך היים געוואהנט אין דיא ערטער וואו ער וואהנט.

אין אמת'ן געהערט דאריבער אים גאר ניט רופען „ווילדער", ריכטיגער איז זיין אז מען זאל אים רופען „פראסטער מענש", ווייל דער לעבען זייער איז ניט אזוי ווילד וויא פראסט, א סך פראסטער וויא אונזער לעבען.

IV.

ווילדע אין פערשידענע לאנדען.

עס איז געווען א צייט וואס אפילו אין אייראפא איז געווען בלויז ווילדע מענשען, וויא האבען געוואהנט אין האהלען (מערות). געלעבט נאר פון יאגד און דאס גאנצע געווער זייערע איז בעשטאנען אין א שפיז, א בויגען און א שטיינערנע האק. מיר ווייסען דאס פון דעם, וואס אין פיעל ערטער אין אייראפא, ווען מען גראבט דיא האהלען געפינט מען מענשליכע שארבענס און צוזאמען מיט דעם שטיינערנע געוועהר. נאר דיא צייט איז שוין לאנג אוועק. אין אייראפא געפינט זיך שוין ניט קיין ווילדע, דען אפילו

די סאמאיעדען [1] הייסען שוין ניט קיין אמת'ע ווילדע. נאר אין די איבעריגע טהיילע פון דער וועלט געפינט זיך נאך יעצט אויך, אזעלכע מענשען וויא אמאל אין זייטען עלטער זענען אללע געוועזען. אין אזיען, זייט אראפ אין צפון זייט אין סיביר, אין דער גאנצער לייגע פון דעם אכט-אופער (מזרח ברעגע) אונ אין זיד (דרום) אין אייניגע זייטע ארטער אין אינדיא געפינען זיך ווילדע. די ווילדע פון נארד (צפון) אזיען זיינען ענליך צו די איבריגע סאמאיעדען, זיא האבען אויך אזעלכע געלע פלאטשיגע פנימער, וואנדערן ארום מיט זייערע הערשען אונ פערבעלאכען זיך אין פאלאטקעס פון הירשען פעל. די ווילדע פון דיא אינדישע בארג, זיינען שוואר-ליבע אונ קורץ געוואקסענע. זיא פארנעהמען זיך מיט פאלא-וואניע, פיך פאשען אדער מיט ערד ארבייט, עס וועגט זיך אין וואס פיר א ארט זיא וואהנען. אין דיא אינזלען וואס געפינען זיך אין דער לייגע פון אסט ברעגע אזיען, געפינט זיך נאך מעהר שווארץ-ליבע אונ קורץ געוואקסענע מענשען, וועלכע געהען גאנץ נאקעט.

פון אסט אזיען איבער'ן גאנצען ים הגדול (тихій океанъ) ביז די ברעגעס פון אמעריקא זענען צושפרייט גרויסע אונ קליינע אינזלען. דער גרעסטער פון אללע אינזלען, אווסטראליען, אדער וויא אנדערע רופען דאס, נייא האללאנד, רעכענט זיך דער פינפטער מאטעריק (דער פינפטער טהייל פון יבשה) פון דער וועלט. דארט איז בעזעסען מיט שווארצע מענשען וועלכע זענען דיא ווילדסטע פון אללע; זיא האבען קיינמאל ניט געהאט דיא טהירען וועלכע מען קען צוגעוואהנען צו זיך אונ הגם זיא האבען דיא ווילדע זשילעס (קרייטער) אדער תבואה געוואקסע האבען זיא נור אויפ-געקליבען דיא פון זיך זעלבסט געוואקסענע קערנער, אבער ניט פערשטאנען דיא ווערדע פון זיא אונ ניט געקלערט וועגען דעם דעריבער איז זיא ניט איינגעפאלען לערנען זיך זייען.

עטליכע אינזלען ווייטער פון אווסטראליען, וואהנען פאפואסען,

---

[1]) א פאלק וועלכער געפינט זיך אין ארכאנגעלסקי גובערניע אונ אין אייניגע ארטער אין סיביר, שטילע מענשען, זענען קריסטען אונ גאטצענדינער, איבערזעטצער.

שוואַרצע מענשען גאָר אַ אַנדער סאָרט ווי די אויסטראַליצעס, זייער געזיכטער מיט גראָבע ליפּען, געקרייזעלטע האָר און געשיקטער פעהיגער פיר זיי. די איבריגע אינדיאַנער פון שטילען מעער (ים הגדול) וואָהנען בעזונדערס מיט מאַלייצעס [illegible] שוואַרצע אַליין פון נאָרד (צפון) אייזען פון יאַפּאַן [illegible] וואָהנען נאָך גאָר אַמאָל אייניגע און האָבען זיך בעזעצט אין די אינזלען, נאָר די וואָס געבליבען [illegible] האָבען [illegible] שוין אייבראַנג מיט זייער אַבאָריגען [illegible] האָבען ניט גענומען אויף די אינזלען [illegible] און האָבען ניט געהאַט ביי זיך איבער [illegible] אייגענע ווילדשאַפט און קלאַסות.

ביי לעקאַוועס [illegible] וואָהנען [illegible], ווילדע וועלכע [illegible] אויף אייניגע נאָרד סיבירען פאַלקער, פאַרנעמען זיך מיט האָבען דעם [illegible] און פיש, שפּייזען זיך מיט זייער פלייש, קליידען זיך מיט זייער פעל [illegible] און [illegible] מיט זייער פעטס.

ווייטער אין [illegible], וואו עס איז [illegible], פאַנגען זיך אָן די דאָרפער פון די הויכע אינדיאַנער וועלכע וואָהנען בעזעצט אין גאַנץ אַמעריקא. וועלכע [illegible] אָדער [illegible], זייען מאַיס אָוא סאָרט תבואה ווי קראַסנע, פון מוזיקען האָבען זיי צוגע- וואָהנט צו זיך און איינגעוואָרבן שרעקען מיטאות, אַזוי ווי אַ אייזעל אין שטאָדט, -די לאַבען ווי אַ סאָרט גרויסע שעפּסען).

אין מיטעל (средней части) אַמעריקא האָבען זיי אויס- געסטרויעט גרויסע שטאָדט מיט שטיינערנע און ציגעלנע הייזער, האָבען געהאַט אַ סך גאָלד, נאָר ניט געוואוסט פון אייזען און ניט דערגאַנגען קיין ריכטיגען כתב. צווישען די אינדיאַנער איז דאָ עטליכע מדרגות ווילדע, אי אַזעלכע וואָס שטעהען נאָך אויפ'ן נידעריגסטען שטאַפּעל, אי אַזעלכע וואָס שטעהען שוין אַביסל נאָהנטער צום אונז.

אין נאָרד אַמעריקא אין די מדבריות וואו עס געפינען זיך אָזערעס וואָס האַלטען הונדערטער וואָרצלען, לעבען ווילדע וואָס

¹) דאָס איז איינע פון די גראָבסטע [illegible] (שבטים) צווישען די ווילדע, וועלכע [illegible] נאָר ווי [illegible] אויפ'ן קאָפּ. איבערז.

פ נעהמען זיך מיט ערדאַרבייט אונ אַנדערע וואס פאַרנעהמען זיך נאָר מיט פּאָלעוואַניע אונ גראַבּיאַזש (רויב, גזלה).

אין זיד אַמעריקא וואו עס איז דאָ גרויסע וועלדער מיט אומגעהייער גרויסע בוימער, העכער וויידע, וועלכע שטעהען ניט קיין סך האָבער פיר די אויסבראַדיינגס. אין זיק זיד וואו עס איז שוין שטאַרק קאַלט איז אויך דאָ ווילדע.

אַפריקא געפינט זיך אין גאַנצען אונטערן וואַרימען פּאַס.

אין מהלך פון צפון זייט וואס ליגט בײַם מיד ים, אין מצרים (עגיפּטען) האָט זיך די השכלה אָנגעהויבען פריהער ווי אימעריס, נאָר נאָך מצרים געהט א גרויסער מדבר אין וועלכען עס וואַקסען ניט געוויזען קיינע פלאַנצען (סוחה) אונ קיינע געוויקסע. נאָר נאָך דעם מדבר האָט מען אפילו אמאל שוין געוואוסט, אז עס געפינט זיך נאָך אונ עס לעבען דאָרט מענשען נאָר שוואַרצע אונ סבראַפּנע, וועלכע זיי האָבען גערופען עטיאָפּען (Эфіопы). פון די עטיאָפּען האָט מען דערצאַהלט אַזעלכע מוראדיגע זאַכען אַז אפילו שדים האָט מען פאַרגליכען פּאַמאַזשע אויף זיי, יעצט ווייס מען, אז דאָרט לעבען פערשידענע שוואַרצע פעלקער, נאָר ניט אַזעלכע משונהגע ווי מען האָט דערצאַהלט. אַז די נעגערס, וועלכע געוועהנען אויך צוא זיי, פאַרנעהמען זיך שוין מיט ערדאַרבייט אונ קענען שמידען אייזען. די קאַפערס פאַרנעהמען זיך מיט האָדעווען פיה, פיהרען גרויסע מלחמות איינע מיט די אַנדערע אונ מיט די האָטענטאָטען. – די האָטענטאָטען זענען געוואָרען זא שוואַך אונ פויל אַז זיי ווילען בעסער לײַדען הונגער איידער אַרבייטען. אין מיט אַפריקא לעבען אויך אַזוינע עהנליך צוא די האָטענטאָטען, קליינינקע מענשען במעט ווי קאַרליקעס. איינע פעלקער פון די נעגערס אונ קאַפערס זענען געוועזען מלכות אונ האָבען גרויסע שטאָדט. די אייראָפּייער (אייראָפּעאישע מענשען) האָבען א לאַנגע צייט מורא געהאַט אַרײַנקומען אַהין: די ווילדע פרעסען זיי, הרג׳נען זיי אונ אמאל נאָך אויפפרעסען לעבעדיגערהייט אויך; אפילו יעצט וואס זענען שוין יא בײַ-לעבּוייס אַרײַנגעקראָכען, פון דעסטוועגען האָבען זיי נאָך מורא אונ געהען מיט שרעק. ניט אַזוי גיך וועלען די שפּאַקע, גע-

פעהרליבע ווילדע אפריקאנער אונטערגעבען זיך אונטער די אייך פייצעס.

מיר האבען דערצאהלט נאר פון די גלאווע, גרויסע פאלקער אבער עס איז דא נאך מעהר פיעל אונ האבען פערשידענע נאמען.

וויסט, פון ווילדע איז אינטערעסאנט אונ נוצליג, אינטערעסאנט, וויל ביי זיי איז דא א סך זאכען וואס ביי אונז איז ניט דא, נוצליג, וויל אונזערע עלטערן האבען אמאל געלעבט אזא פראסטען לעבען ווי די ווילדע אונ ביי אונז אליין איז געבליבען א סך פון די פראסטקייט. אין פיעל הינזיכטען נאך זענען מיר ניט אזוי ווייט אוועק פון זיי ווי מיר מיינען; פיעל זאכען וואס מיר ווייסען אונ וואס מיר ארבייטען האבען דערגאנגען אונזערע עלטערן נאך דאנן ווען זיי זענען געוועזען ווילדע.

דעריבער ווען מען וויל גוט פארשטעהן אונזער היינטיגען לעבען אונ וויסען דעם פריהערדיגען, מוזען מיר וויסען ווי עס לעבען ווילדע. ~~פיעל זאכען פון~~ זיי ווערט אונז זיין בעקאנט אונ אז מען זאלל זיך גוט צוקוקען ווערט מען זעהן ניט אויפ'ן פאפיר, נאר פראקטיש מאקי אז אללע מענשען זענען גלייכע ברידער איינער מיט דעם אנדערן.

V.

די הונגעריגע ווילדע אין אויסטראליען.

אללע ווילדע קומט אוים צוא הונגערן, נאר צוליעב פערשידענע פרינציפען: די הונגערן מחמת דעם וואס זיי זענען פויל זענען ניט קיין בעלי מלאכות, ד. ה. זיי גרייטען ניט אן אין די גוטע צייט אויף די שלעכטע; די אנדערע ווידער דערפאר, וואס זיי האבען פשוט ניט וואס צו אנגרייטען אדער ווייסען ניט, אז זיי זאללען שוין אפילו האבען א זאפאס, ווי אפהיטען איהם ער זאל ניט קאליע ווערען. אט די, זענען געניט צוא הונגערן אונ קארמענען (שפייזען) זיך מיט אללעם וואס דער מאגען ווייטער קען

נאר פארטראגען. מען זאל זעהן וויא עס לעבען אזעלכע ווילדע דארף מען צוקוקען זיך צוא דיא אויסטראליינצעס.

אויסטראליען איז א גאנצער טהייל וועלט וואס איז אפגעטהיילט מיט גרויסע ימים פון דיא איבריגע טהיילען. קיין פרעמדער מענש פלעגט פריהער נאר ניט איינקומען אהין ווייל עס איז דארט ניט געוועזען וואס צו נעהמען און דיא אויסטראליינצעס זענען יעצט דיאזעלבע ווילדע וואס פאר טויזענד יאהר.

ווען מיר זאללען דעם ערשטען מאל דערזעהן א אויסטראלעץ וואלט ער אונז אויסגעקומען זייער בעוואבראזנע און סטראשנע. זייא זענען שווארץ אדער דונקעל-ברוין, שרעקליך דאר, בלויז הויט און ביינער, דינע הענד, דינע פיס, א לאנגער בויך מיט א לאנגען קאפף אויף וועלכען דיא האאר ליגט וויא א דאך און קיין קאמב'ל וועהט אוים איז אויף איהם קיינמאל ניט ארויפגעקומען. ביי דיא מאנס-לייט איז דיא הארץ, דיא הענד און דיא פיס בעדעקט געדיכט מיט האאר. בארד האבען זייא לאנגע און נעדריגע, אויפ'ן געזיכט זענען זייא ביינעדיג, סקולאסטע, גראבע ליפען מיט א צופלאטשעטע נאז, דיא אויגען שווארצע, קליינינקע און טיפע. ווען זייא זאללען זיין זאטטער וואלטען זייא שוין ממלא אויסגעזעהן שענער. זייא לעבען אבער אפ דעם גאנצען לעבען אין האלב-הונגער.

ביי דיא אויסטראליינצעס וואס וואהנען נעבען ברעג ים, טרעפט פיעל מאל או זייא האבען ניט אפילו א פאלאטקע. נאר נאכטיגען אין מערות אדער אין פראסטע גריבער וועלכע זייא דעקען צוא מיט צווייגען. דיא פעשטשערעס (היילען) זענען גענוג ברייט און דארט פאמעשטשען זיך גאנצע פאמיליעס. באלד ביים אריינגאנג ברענט א פייער וואס דיא פרויען ברענגען א גאנצע נאכט. דיא פעשטשערע איז אמאל אויסגעמאהלט מיט גרויסע ריסונקעס, אזא סארט וויא אונזערע קינדער ריסעווען, דארט איז אויסגעמאהלט אזעלכע סטראשנע מענשען און טהירען וועלכע געפינען זיך נאר ניט אין אונזערע קאנטען. דיא ווענט שמירט מען אוים פריהער מיט אכרא (א זא פארב) און אויף דעם ווערט געמאהלט ריסונקעס מיט קוילען אדער מיט שווארצע פארב.

אויסטראליינצעס שלאפען אויף טרוקענע גראז אדער צווייגען.

בלויז נאקעט אונ אללע צוזאממען . אז זיי שטעהען אויף, נארטלען זייא זיך נאר ארום מיט א נארטעל פון ראגיזשע . ביי דיא מאנס-לייט איז קורצע נארטלען אונ ביי ד״א פרויען אביסל לאנגערע ביז דיא קניא . ווען עס איז קאלט ווארפען זייא אויף זיך ארויף א פעל פון א דוואוטראבקע[1] (двутрабка) . אין א קאלטע נאכט דעקען זיי זיך צוא מיט דיא פעל אדער קריכען פראסט אריין אין ווארימע אש .

ווען עס איז געבליבען עפעס פון נאכטיגע וועטשערע, עסען דאס דיא אויסטראליצעס אין דער פריה אנשטאדט פרישטיק . ווען ניט , געהען זייא אוועק מיט א ניכטערן מאגען אונ שטיללען דעם הונגער אויס׳ן וועג מיט וואס זייא געפינען נאר . וויא דיא זאננע געהט נאר אויף אזויא קלייבען זייא זיך צוזאממען אונ געהען זוכען שפייז אויף דעם היינטיגען טאג , זוכען געהט דיא גאנצע פאמיליע : דען דיא פרויען אונ די דערוואקסענע קינדער קענען מיטהעלפען אין דיא ארבייט פון זוכען אונ דיא קליינע קינדער קען מען דאך סאי וויא ניט איבערלאזען אלליין , די בריסט קינדער וועלכע קענען אלליין ניט גיין וויקעלט מען איין אין א פעל אונ מען בינד זייא צוא צוא דיא פלייצעס פון דיא מוטערס כדי דיא פרויען זאללען האבען פרייע האנד .

דיא אויסטראליצעס שפייזען זיך נאר מיט דעם וואס זייא געפינען אין וועג , קיין זאפאס ליגען אויף א ארט האבען זייא ניט , דעריבער קענען זייא ניט אומקעהרען זיך צוריק אויף זייער ארט מיט ליידיגען איידער זיי האבען געפונען שפייז , אונ ווייסען ניט ווען וועט זייא אויסקומען זיין אין , וויא מיר רופען דאס , דערהיים , וועט געלינגען , וועללען זייא גיך האבען שפייז אויף א מיטאג , אז ניט , קומט אויס נאכטיגען דארט וואו עס פאלט אויס . ניט אומעדום געפינען זיך דיא פעשצערעס (היילען), עס קען זייא פונקט אויסקומען נאכטיגען אין א גליכען ארט אונ וואו קיין וואסער איז גראדע אויך ניטא אויף וועלכע דער אויסטראלער איז פעהיג זיך

---

[1]) אזא חיה , אויס׳ן האלז העננט איהר אראב וויא א זאק , אין דעם דערטראגט זיא דיא קינדער ווען זיא איז מעוברת , דיא קינדער איהרע ווערען געבוירען ניט צייטיג אונ העננען אין דעם זאק ביז זייא ווערען פאלקאם צייטיג . זיא געפינט זיך נאר אין אויסטראליע . איבערז.

אומגליקן, אפילו קיין קוסטן קליינע בוימלעך, געפינט זיך אויך ניט איינער וועלכע ער וואלט קענען באהאלטן זיך פאר א ווינט, דערפאר עסן די אויסטראליענס מיט אינייגע פארגעניגן (гусениц) וואס איז געמאכט פון קאזע אדער אויפגעפאקטע פון צווייגן, אונ שפיינען. די שפיינען שטעקט מען אריין אין דער ערד אונ מען בינדט צו די פאנצערס, קומט ארויס א זא באוט פאלאטקע, עס ווערט זא געשטעלט אז דער ווינד זאל ניט קענען אריין בלאזן. עס טרעפט אז די פאלאטקע פארפירט די ווייט פון זייער ארט, זיי בראכטן ארויס אלעם וואכן נאכאנאנד אונ נאכטיגען אין אזעלכע פאלאטקעס. די פאנצערס מיט די שפיינען טראגן די פרויען. די אויסטראליעשע פרויען אויספאלגען איבערהויפט שווערע ארבייט. א אויסטראליען ווען ער איז געשיקט, שטארק אונ קען האפן א פאר אויף פאליעזאגע האט ער קרוב עטליכע ווייבער. ער באגייעט זיך מיט זיי שטרענג, שלאגט אהן רחמנות, עס טרעפט אז די פרויא קריגט מיט א שטיק האלץ אין קאפ אריין אונ בלייבט ליגען, נאר א דאנק וואס דער קאפ שארבן פון די אויסטראליענס איז גראבער (דיקער) וויא אונזערע.

אויסער די פאנצערס טראגן די פרויען מיט, ברענענדע האלוועשקעס, פאטער ברויכט מען פייער זאלל זיין גרייט. דער אויסטראליען קען אפילו בעקאממען פייער רייבענדיג טרוקענע האלץ, נאר דאס איז זייער שווער אונ עס ברויך לאנג גידויערן.

די פרויען טראגן אויך מיט די ביס'ל בעלי-בתישקייט וועלכעס איז זא וועניג דא אז עס געהט אין גאנצען אריין אין א זאק וואס איז געמאכט פון פעל אויסגעפלאכטן פון צווייגען אדער פראסט אויפגעדרייט פון קראפעווע. אין זאק וועלכען די אויסטראלקע טראגט אויפ'ן פליינע, קען מען שטענדיג געפינען פלאכע שטיינער מיט וועלכע זיי צוריבן די געפינענע קערנער אונ צוזהאלטן די ווארצלען. פון די צוריבענע קערנער קומט ארויס מעהל פון וועלכע עס ווערט געבאקען אויף הייסע גלאטע שטיינער אזעלכע מצות. די הארטע הילצערנע ווארצלען ווערען פריהער צוריבען נאכהער געבמאלען: אדער מען עסט דאס רויער הייד. אוי-סטראליענס עסן פון הונגער ניט נאר רויע ווארצלען. זייא ליגנ

נאה צוא דעם צוא , ווען עס איז זייא ווינציג, אזא סארט ערד וויא ליים אונ דיא ערד טראגען זייא אויך מיט אין זאק. פעססערס אונ געוועהר ווערט געמאכט פון שארפע שטיינער וועלכע ווערן שטארק צוגעקלעבט מיט סמאליע צוא א שטיק האלץ. אין זאק געפינט זיך שטענדיג א זאפאס שארפע שטיינער אונ סמאליע. דארט געפינט זיך אויך אדערן פון טהירן מיט וועלכע מען בינדט צוא צוא א טאפאריקעס גרויסע שטיינערנע האק. ווייכע זאכען זייא לקושל: פלייש, פעל א. ז. וו. קען מען ניט אזוי גוט שניידען מיט שטיינערנע האק, דעריבער ווערט אנשטאט דעם געברויכט ראַ־קאווינען) פון וועלכע עס געפינט זיך א גרויסער זאפאס אין זאק. דארט ליגט אויך קארע פון וועלכע מען קען אנרייסען ליק, וואס דער אויסטראליער געברויכט אנשטאט שטריק אונ א שטיק ווייכע האלץ וואס ער ברויך דרייבען אן האלטע אום בעקומען פייער דאן ווען עס טרעפט אז דיא האלוועשקעס לעשען זיך אויס. פאסודעס (קיך געפעס) טראגען זייא ניט מיט, פראסט וויל זייא האבען אויך ניט, זייא קענען אפילו ניט מאכען קיין ליימענע טאפ אונ צום טרינקען געברויכען זייא מענשליכע קאפ שארבענס.

דיא ערטער וואו זייא בראדזשען (קריכען) ארום זענען זעהר מאגערע, עס געפינט זיך דארט זעהר ווינציג געוויקסע אונ טהירען וואס מען זאל קענען מיט זייער פלייש זיך שפייזען. עס איז בלויז ענטוועדער וויעסדיגע ערטער (луговыя мѣста) מיט קליינע בוישלעך, פעלדער הזאלען וואס לאזען זיך אראפ צום ים אדער זאמדיגע, שטיינערדיגע ערטער וואו עס וואקסט נור צוזאמטע־געדרייטע קוסטארניקעס (קליינע בוישליך).

דער בראגעדינער (וואס וואהנט ביין ברעג) אויסטראליער, איבערהויפט ביין נארד ברעג, קען ניט זיין קיין איבערקלייבער אין עססען ער מוז עססען אללעס וואס קומט איהם נאר אין האנד אריין אונ וועלכעס אנדערע מענשען וואס זענען ניט געוואהנט צוא דעם, וועלן אזעלכעס באין אופן ניט עססען; ער עסט אי זשאבעס, אי יאשטשעריצעס, אי ווארצלען אי קערנער פון געוויקסע. אין

[1]) אזעלכע ים חיות וואס דער גאנצער סקעלעט ווייטער איז וויא א שארפער פאנצער.

יענע אַרטער איז ניט דאָ קיין ניכט אָדער איבּם וועלכע געפינען זיך אין דיא אַנדערע טהיילען פון דער וועלט. דער בּרענגענדיגער אויסטראַליער מוז בּעקומען קריכענדיג אויף דער ערד זיין שפּייז. אויפקלייבּען פערשידענע קריכענדע פליגען און אויסגראָבּען דיא וואָרצלען וועלכע ער קען עססען. אַרום טייכער איז איבּערהויפּט קליין געוואַקסען אין דיא טהאָלען אין דיא געוויקסעל און קען מען אויך ווייט פון ים ווען מען וויל געפינען גראָססע טהירען. אויפ'ן בּרעג געפינט זיך נאָר ים-פייגלען, וועלכע שפּייזען זיך מיט פיש. פייגעל אָבּער ניט קיין געשטאַקט, נאָר דער אויסטראַליער בּראַקירט ניט מיט זייא האָם זייא זענען ניט אַזוי בּעקוועם. אָבּער דאַפען דיא פייגעל איז זייא, ניט האָבּענדיג קיין אַנדער וואַרפענדע געוועהר איטער אַ פאַרשאַרפטען פאַלקען. זעהר שווער, ווי ער זאָל זיך שלייכען וואַרפען דיבּטיג אויף דיא פייגעל טרעפט ער פאַרט זעהר ווייניג אין ציהל אַריין.

אום צוזיכען צוא זיך דיא ים-פייגעל ליגט זיך דער אויסטראַליער אויך ניט געקענדיג זיך קיין ריהר אויף א האָר, פונקט ווי ער שלאָפט, און האַלט אין מויל א פיש. דיא פייגעל זעהענדיג דיא פיש און מיינענדיג אַז דער מענש וועלכער האַלט זיא מיט דיא צאָהן איז אַ טויטער, פליהען זיא אַראָפּ אויף דער ערד און האַפּט דיא פיש. נאָר דיא איהרע גענג ניט דער מענש אַ האַפּ מיט'ן האַנד דיא פייגעל.

הגם, אַ אויסטראַליער'ס וואָהנען בּיים ים, פאַר דעמטעווען זענען זייא ניט קיין גוטע פיש-כאַפּער. זייא זוכען בּעסער דיא פיש אויפ'ן ב"ג, קלייבּען אויף דאָס וואָס וואַרפען אַרויס דיא וואַססער-וועלען, אָדער וועלכע בּלייבּען איבּער נאָך פּריליוו[1] (приливъ). קיין לאָדקעס ספּרויען קענען זייא ניט, נאָר שווימען באַלד בּיין בּרעג אויף אַ פּראָם (плотъ) אויסגעבּונדען פון צוויי אָדער דריי קלאָצער. קיין סיעט'ן, קיין אודאָטשקעס וועלכע

---

[1]) עס איז בּיי וואַסער אַז דער ים פאַרגיסט אַללע מאָל דעם בּרעג אין א בּעשטימטע צייט [אַללע 6 שעה] און אין א בּעשטימטע צייט געהט ער צוריק אוועק אויף זיין אָרט. דאָס הייסט פּריליוו אי אָטליוו (приливъ и отливъ), עס קומט אַרויס פון דיא ציהונגס קראַפט פון דיא לבנה. איבּערזעצער.

געטצען צום חאפען פיש) געפינט זיך ביי זיי ניט. **דאס גאנצע גליק** איז וואס דער ים ווארפט אמאל ארויס א גרויסע פיש אדער א קיט[1]) וועלכער ווערט אויפן ברעג אויסגעטריקענט און פגר'ט פריהער איידער ער איבפעלט ארויין געהן צוריק אין וואסער אדער ווערט פון ים ארויסגעווארפען א ביידקער. די אויסטראליעצעס קוקען ניט אויף דעם וואס זיין פלייש איז פערדארבען און עססען זיך שטארק אן מיט איהם. זיי לעבען דאקעגס און אנדערע ליבעדיגע באשאפעניש וואס געפינט זיך אין ים, אבער חאפען דאס קענען זיי נאר אויפן ברעג.

ווען די מאנסבילד געהען אוועק ווייט פון ים חאפען פאגעל אדער מהורע גראבענע ווי די קעפערשעס (פון ים), געהען **די** פרויען און די קינדער זוכען שפייז פון דער ערד און **קלייבען** אויף אלעס וואס מען קען נאר נעהמען לייכט ניט ארבייטענדיג שווער דערביי. אז דער אויסטראליער אז די אויסטראליערקע האבען זעהר א גרויסען מבוכה (א שארפע אייג), זיי וועלען ניט פער־מיידען איין גראז אדער א קריכענדע פאגעל, זיי זאלען ניט דער־זעהן. עס איז גאר שווער צוא גלייבען וואס פיר א שארפע און **א** ווייטע ראיה די אויסטראליעצעס האבען. אויף די **גרויסע** ווייטעס אויף וועלכע עס איז ניט מיט א אויג א וואך צוא בחין, קוים ניט זיך א שאקל א גראז, קוים קוקט ארויס א מהירקען, **דער** אויסטראליער האט שוין בעמערקט און איז שוין דארט.

אמת, דארט זענען די בהמות ניט אזוי אנגעשטאפען ווי **ביי** אונז, האבען ניט אזוי מורא פאר א מענש. פון דעסטוועגען **דארף** מען זיינע געשיקט זיין מען זאל זיי קענען פינקט דערהיטען און טאדטען מיט א פראסטע **פאלקע** וועלכע איז גאר פערשארפט געוואָרן אויפן פייער.

די בהמות וועלכע געפינען זיך אין אויסטראליע זענען **גאר** נים פאבאושע (עהנליך) **אויף** אונזערע. מען זעהט דארט נור אזעלכע בע־אפענע מהורען. וועלכע שפרינגען אויף די **אונטערשטע** פיסליך, האבען שארפע **מארדימשקעס**, פרייליכע אייגליך, **גלייבע**

---

[1]) א ים חיה, דאס איז די גראבטע מהיר פון דער וועלט, עס טרעפט קיטען וואס האבען ביז 15 פאוטען די לאנג, איבערז.

אויערן, לאנגע אונטערשטע פיס און א גראבער שטארקער עק -
די פאדערשטע פיסליך זענען קורצע און זיי גייען אויף זיי ניט
נאר שפרינגען אויף די אויסגעצויגענע אונטערשטע פיס אנשפארענ-
דיג זיך אויפ'ן עק. זייער געשיקטע און מאכען גרויסע שפרינג-
אז זיי שטעהען אויף די אונטערשטע פיס זענען זיי הויך ווי א
מענש. די וואלל זייערע איז קורצע און ווייכע, און די פעל טראגט
דער אויסטראליער אויף זיך אנשטאט קליידער. דאס איז די
דוואוטראבקעס (двуутробки), זיי הייסען אזוי, ווייל זיי שוואנ-
גערן די קינדער אין א פעל ווי א זאק וואס איז ביי די „זיא"
(נקבה) געוואקסען אויפ'ן האלז געגען די בריסט.

אין אויסטראליע געפינט זיך נאך קליינע סארטען דוואוו-
טראבקעס א העלפט קלענער ווי די געוועהנליכע. פריהער, גאר
אמאל זענען די דוואוטראבקעס געווען אומעדום, נאר זינט עס
האבען זיך פארפיהרט די רויבענדע טהירען (לייבען, בערען, וואלף
א. ז. וו.) זענען זיי ניט אויסשטאנד געווען בעשטעהן געגען די
טהירען, ווייל זיי האבען ניט, ניט קיין שטארקע באק צעהן, ניט
קיין שארפע פאדערשטע צעהן, ניט קיין הארנער און אפילו לויפען
קענען זיי אויך ניט אזוי געשיקט ווי די רויבענדע טהירען,
דען זיי האבען ניט קיין קאפיטעס. די דוואוטראבקעס זענען
שוין כמעט אין ערגעץ ניט דא. נאר אין אויסטראליע זענען זיי
נאך פיעל דא, ווייל דארט איז ניט דא קיין רויבענדע טהירען
אויסער הינד און אנטקעגען זיי האבען די דוואוטראבקעס
שוין געקענט זיך א עצה געבען.

דאס וואס עס איז דארט ניט דא קיין רויבענדע טהירען איז
פיר די דוואוטראבקעס געווען א מעלה, פיר די מענשען אבער
איז דאס געווען א חסרון. רויבענדע טהירען פארפיהרען זיך נאר
דארט וואו עס איז דא גרויסע גראז-עסענדע טהירען: אקסען, פערד,
שעפסען, ציגען א. ז. וו. וועלכע זיי צורייסען און פרעסען אויף
און נאר די גראז-עסענדע טהירען האט דער מענש געקענט צו
געוואהנען צו זיך, היינט אז עס איז ניט געווען קיין רויבענדע
טהירען איז דאך מסתמא די גראז-טהירען אויך ניט געווען. די
דוואוטראבקע האט דער מענש ניט געקענט צוגעוואהנען צו זיך.

ווייל זיא זענען זעהר נארריש אונ מען קען פון זיא קיינע נוטצען האבען. דעם הונד האט דער אויסטראליעץ זיא צוגעוואהנט אונ ער העלפט איהם אין פאליעוואניע. נאר ווען דיא פאליעוואניע געראטה ניט אונ איהם ווילט זיך עסען עסט ער אויף דעם הונד אלליין.

אין אויסטראליע געפינט זיך נאך צוויא סארטען טהירען וועלכע זענען וואונדערליכער וויא דיא דוואוטראבקע. איינע הייסט: אוטקאנאס (утконосъ) (זיא הייסט אזוי ווייל זיא האט א קאטשקענע שנאבעל), האט פיס פערוואקסען מיט פעדערן אונ א מארדע וויא א קאטשקענע שנאבעל. דער צווייטער סארט הייסט: עכידנא (эхидна), האט א נאז פאבאזשע אויף א הינערשען שנאבעל אונ געדרייטע האאר וויא ביי א יאזש, זיא לעבען אין וואסער אונ גראבען נארעס אויף דיא ברעגעס. א טהייל זענען עהנליך צוא א חיה אונ טהייל צוא א פאגעל, ווייל זיא טראגען אויך אייער אונ דיא אויסגעליפעטע קינדער פון דיא אייער שפייזען זיא מיט מילך.

אין אויסטראליע געפינט זיך א גרויסע פאגעל וועלכע הייסט קאוואר (Казуаръ), האט פעדערן וויא הארטע האאר. פליהען אין דער הויך קען זיא ניט, ווייל דיא פליגעל זענען קורץ לויט איהר געוואוקס (זיא איז זעהר הויכע, האלטען ביז פינף פוס (футъ איבערז.) נאר לויפען קען זיא זעהר געשיקט צוטרייבענדיג מיט דיא פליגעל, זיא לויפט געשיקטער פיר א פערד, איהר איין שפרונג האלט צוויא סאזשען. דיא קאווארעס האלטען זיך דאס רוב ביי א וואסער. זיא פלעכטען אויס אויף דער ערד גרויסע אונ ברייטע נעסטען פון ווארצלען אין ערך 10 ארשין דיא לייג אונ $1\frac{1}{2}$ ארשין דיא הויך. דארט לייגען זיא אריין גרויסע אייער אויף וועלכע עס זיצט דער זכר. אויסער דעם לעבען אין אויסטראליע אויף דיא בוימער פיעל פאפוגאיעס[1] (попугаи).

מיט אזא געוועהר וויא מיר האבען געזעהן ביים אויסטראליעץ ד. ה. מיט א שפיז אדער מיט א שטיינערנעם מעססער קען איהם ניט אללע מאל געלינגען הרג'נען דיא דוואוטראבקע אדער קאוואר,

---

[1]) דאס איז זעהר א קלוגע פאגעל, קען נאכרעדען נאכן מענש זיינע ווערטער אונ אפילו אויסלערנען זיך גערעדקען בעשטימטע ווערטער. איבערז.

ער איז נאר מנצח מיט דעם וואס ער יאגט זיך נאך וויא נאר אהן א אויפהערער ביז ער מוז דאס ווייניגע אויספיהרען; ער קען 2–3 טאג נאכגעהן נאך איהר אונ ניט לאזען זיא א רגע אפרוהען, ביז ענטוועדער זיא גיט זיך אונטער אדער ווען זיא ווערט בייז געהט זיא גלייך אויפ'ן מענש איהם באדטען נאר דער דיהקענדער אוסטראליען הונד'ט זיא פריהר אידער זיא געהט צוא איהם צוא.

קיינער קען זיך ניט פערגלייכען מיט א אוסטראליען אין קלעטערן אויף בוימער. ווען דעם אוסטראליען יאגער קומט אמאל אין ווענ, אום צוא בעקומען האניג פון א בינשטאק, קלעטערן אויף א הויכען גלאטען בוים וואס צווייגען גיפען זיך נאר אויפ'ן סאמע שפיץ, איז בעוואונדערן וויא קינסטליך ער קריכט. ארום-חאפענדיג דעם בוים מיט א שטריק פון ראטאנשע אונ אנהאלטענדיג זיך מיט איין האנד שטיל אן דיא שטריק, האקט ער מיט דער צווייטער האנד מיט א שטיינערנעם מעססער לאכער אין דעם בוים אונ אויף דיא לאכער קריכט ער גלייך וויא אויף טרעפ.

דער אוסטראליען איז ניט נור געשיקט, נאר אויך היטריג. אז ער וויל געפינען א בינשטאק דארף ער א בין, קלעבט צוא איהר צוא מיט וואקס א פעדערל אונ גיט אכטונג וואוהין זיא פליהט, ביז ער מוז זיך דערוויסען וואו דער בינשטאק איז. אונטערן בינשטאק מאכט מען א פייער כדי דיא בינען זאלען אנטלויפען פון רויך אונ מען נעהמט דערווייל צוא דעם האניג. דער אוסטראליען קען אויך סטרויסען נעטצען פיר דיא מהירען אונ טרייבט געשיקט אריין א דוואוטראבקע אדער א קאוואר אין א גריב, וועלכע איז בעדעקט פון אויבען מיט גראז. אז דיא מהיר פאלט אהין אריין איז איהם שוין ניט שווער זיא הרג'ענען.

וויא שווער דעם אוסטראליען איז קריגען שפייז, איז וואסער נאך שווערער צוא קריגען. וואסער וואס איז גוט צום טרינקען איז אין אוסטראליע זעהר ווייניג דא. קיין סך טייכען געפינט זיך דארט ניט, אונ אין פיעל ערטער איז דיא וואסער געזאלצען; היינט פיעל מאל טרעפט אז פון היץ ווערט דיא ערדע אין גאנצען אויסגעטריקענט. אין זיר (דרום) ברעג, וועגען וועלכען מיר רעדען דא איז ניט אזוי חיים וויא אין גאנץ אוסטראליע. פון דעסטוועגען

איז דארט ווינציג וואסער, בפרט אין דיא הייסע ערטער און אורזאי וואסער א יקר המציאות (עס איז זעלטען צוא געפינען). אונ אזוי וויא דארשט מוטשעט דעם מענשען מעהר אלס הונגער דעריבער קען דער אויסטראליער געפינען וואסער נאך מיט מעהר פינקטליכקייט וויא שפייז; דורך אזעלכע פערשידענע סימנים, דורך איניגע געוויסע צייכענס ערקענען זייא אז אויף דעם ארט געפינט זיך וואסער. זייא ערקענען אפילו ווען דיא וואסער געפינט זיך ערשט א פאושען אדער צווייא אראפ טיעף אין דער ערד. ווען ער קען ניט געפינען קיין וואסער גראבט ער אויס געוויקסע מיט וואסטיגע וואסערדיגע ווארצלען אונ זויגט אויס דיא וואסער פון זייא. דערפאר ווען ער געפינט א טייכ'ל אדער א גרוב וועלכער איז נאכ'ן רעגען אנגעזאפט געווארן מיט וואסער, איז איהם שוין ווינציג בלויז אנצוטרינקען זיך, נאר ער ווארפט זיך אין גאנצען אריין אונ ליגט דארט לאנג אוועק.

הגם דער הונד דיענט דעם אויסטראליער וועהר גוט אין פאליוואניע, פון דעסטוועגען איז פארט שווער ביי אזא געוועהר וויא א פראסטער שפיז אז איין מענש אליין זאל מנצח זיין דיא טהיר. דער ווילדער אויסטראליער פארשטייט אז צווייא כוחות איז מעהר אונ ממילא שטארקער פיר איין כח אונ זייא קלייבען זיך אויף צוזאמען איניגע פערזאן העלפען איינער דעם צווייטען. צוזאמען איז גרינגער טאדטען דיא טהיר, דען זייא רינגלען איהר ארום פון אללע זייטען אונ טרייבען זיא נור אין דער זייט וואו עס שטעהען שוין גרייט עטליכע יאגערס מיט געוועהר.

אז זייא געהען אין פאליוואניע אויף דיא קאווארען, שהוט זיך איינער אן אין א פעל מיט פעדערן פון א פאגעל אונ נאכמא-בענדיג פונקט זייער געשרייא קלייבט ער זיך אריין אין מיטען דיא סטאדע, אז ער איז שוין דארט הייבט ער אן טרייבען אונ שלאגען דיא פאגעל וועלכע לויפען צוטומעלטערהייד אין א אנדער ארט אונ דארט ליגט פארבעהאלטען יאגערס, וועלכע תאפען היפיעל עס איז נאר מעגליך אונ הרג'נען.

אין פאליעוואניע אויף דיא דוואוטראבקעס בינדען דיא יאגערס אן אויף א שטריק א פעל פון א יאסטרעבע (א רויבפעגעל

פאנעל), ווארפען דאס אין דער הויך אום צושרעקען די טהיר וועלכע לויפט פון שרעק אין קוקט (צווייג) אריין וואו זיא ווערט געשטאכען .

דיא יאנגערס וועלכע מאכען צווישען זיך אחדות , לאזען ניט קיין פרעמדע אריין אין זייער ארט אונ פאללען אן אויף יעדען וואס ערלויבט זיך אליין ניט געפרעגטערהייד אריין גיין . זיא גלויבען אז דיא אללע טהירען וואס געפינען זיך אין דעם אומגעגענד אזוי זיא האבען זיך בעזונדער געהערט נאר זיא אונ פערהיטען זייער אייגענס פון פרעמדע הענד .

אם וויא געבאך עס קארמענען זיך דיא מענשען , וועלכע וואהנען אין אזא ארט אוואו מען קאן כמעט גאר ניט קריגען צוא עססען . פון דעסטוועגען שלאגען זיא זיך פארט אדורך זייער טאג לעבענס באדערפעניש אונ שטארבען ניט פון הונגער . אין זייער זאך זענען זיא אזויא קלוג וויא מיר , זיא ווייסען נור אין זאר־ אנעססען זיך אונ אין דעם האבען זיא זיך זא ענטוויקעלט אז מען דארף גאר בעסער ניט . זיא קאנען ניט נאר אויסזוכען ווילדפרוכטס נור קענען אויך מיט אזויגע אויסגעקלערטע , מיטן שכל , מיטלען , מאכען אז דיא טהיר אדער דיא פאגעל קומט אליין צוא זיא אין האנד אריין . זייערע שכנים ווייטער אין מאטעריק (ווייטער פון דיא ברעגעס א־בערג.) , אוואו מען לעבט שוין בעקוועמער אונ פרייער , האבען אויסגעקלערט זייער קינסטליכע געוועהר , פערשידענע יאנערשע אונ פיש־חאפעשע געציינ וועלכע זענען פאבאזשע אויף אונזערע . עס איז צוא בעוואונדערן וויא ריכטיג זייער געוועהר איז געמאכט .

געהענדיג ווייטער אין מאטעריק זעהען מיר שוין שטארקערע אונ בעקוועמערע היטטען , וועלכע ווערען געמאכט פון גראבע קלאצליך . דיא שפאלטען ווערען פארשמירט מיט לעהם אדער פאר־שטאפט מיט גראז . א דאך ווערט געמאכט שפיטציג אונ צוגעדעקט מיט צווייגען . דיא שפאלטען אין דאך ווערען פארשמירט מיט לעהם. דיא אויסטראליערס קענען מאכען ליאדקעס פון קארע , זיא וויאסלען (гребять) מיט איין וויאסלע וועלכע איז אויך געמאכט פון קארע ; אזעלכע ליאדקעס זעהט מען אין פיעל אויסטראלישע טייכען אונ

אפילו אין מיטער אין נארד (צפון) אונ זיידען (דרום) ברעג .

אז דיא איקספּעדיציאנען האבען פיש [illegible] זיא זיך אנידער , [illegible] אויף דעם קאפּ [illegible] אז דיא אינזעל ליגען אינטערן וואסער אונ האבען [illegible] א שפּיל [illegible] דיא פיש [illegible] פארבייא ווערט ער אונ קען זיא [illegible] נאר אין [illegible] . זיא [illegible] איך האָפען פיש דורך פייער . [illegible] אונ [illegible] געמאכט פון פאנגערשע [illegible] זיא ; א [illegible] אדער א [illegible] (צוויא [illegible] פאנגער א [illegible] . דיא איקספּעדיציאנען פון מיט אונ נארד [illegible] דיא וואס וואקסט אין זיך (קריב ברעג) . נאר [illegible] אז ביא זיא נים ארומגעארבעט דיא [illegible] פון דיא [illegible] וואס זיא טראגען אויף זיך .

[illegible] לאמיר [illegible] וואס מיר האבען געזעהן ביא דעם איקספּעדיציאנען [illegible] ער איז [illegible] אין פּאליעזיאנע זיא [illegible] א [illegible] , [illegible] אונ [illegible] [illegible] פון [illegible] דיא [illegible] (ענגל) פאר [illegible] א [illegible] . ער האט [illegible] אַלטע סימבּלען מיט [illegible] זיך [illegible] . ער ווייסט פון [illegible] , [illegible] , [illegible] . [illegible] אונ נאך אַנדערע סימבּלען . ער [illegible] אַז א [illegible] אין פּאליעזיאנע דאס [illegible] איז איך ביא פּיש-[illegible] . [illegible] קען אַז דיא אַללע [illegible] סימבּלען איז [illegible] [illegible] נאך נאר אַבּאַל ווען דער [illegible] האט אַרומגעבּראַכט [illegible] דער וועלט אונ האט נים גע-וואוסט פון קיין שטענדיג [illegible] ארט . [illegible] פון וואגען קוסען דיא אַללע ידיעות צוא דיא מענשען וואס זענען געווען זא ווילד אונ פארגרעבט אין אַלעם ?

ניא זענען דעריבער געווען אַזויא וויסענד , וויל דאן האט דער מענש געלעבט נאר פון פּאליעזיאנע אדער פּיש-האַפּען אונ דער [illegible] לעבען האט איהם געלערנט [illegible] , [illegible] , דענקען [illegible] דעם אונ דער לעבען האט איהם שוין אויסגעלערנט בעקלעדרען , [illegible] אונ [illegible] זיך מיט דעם וואס ער האט דער-קלערט .

~~~~~~~~
~~~~~~~~

VI.

דיא הונגעריגע ווילדע אין אזיען און אמעריקא.

צום ענדע דעם אינדיקען פלאָסקראַיז אין אזיען, ציהען זיך הויכע בערג. אין דיא ערטער איז א געזונדעס וואַרמעס [illegible]. איבערהויפט איז דיין דיא לופט נאך א רעגען. אונטען ביא [illegible] בארג געהען בלאָטיגע ערטער וואו עס וואקסט באמבוס וואו קארט טראָפּישע [illegible] און געדיכטע פ[illegible] הויכע גראזען, [illegible] דיא באר[illegible] וואקסען [illegible] באַראַלעל[illegible] געדס, בערן און קאבאנעס. אין דיא [illegible] (זוגען), שוואַרצע, דארט מיט גראבע ריפען [illegible] אייגענבויגענע פלייצעס, דארט איז שוין הייסע אונגעזונדע [illegible]. א פרעמדער מענש ווען ער איז דארט אפילו א קליינע צייט מוז ער קריגען פיבער.

אמאל אין דיא אלטע צייטען האבען זייא אויך געוואהנט אין דיא געזונדעסטע ערטער, נאר זינד עס זענען אנגעקומען דיא ניט ווילדע מייסטע אייראָפּייער וועלכע הרגענ'ן שוין ניט מיט א פראַקטען שפיז א מהיר, נאר שיסען מיט האַרמאטען און מיט איין שאס טאָדטען זייא פיעל מענשען, זייא זענען געוואָרען דיא בעלי בתים פון אינדיא און אנגעהויבען לערנען מיט'ן קאנטישיק אמונה און השכלה דיא ווילדע, זענען דיא שוואַרצע ווילדע אוועק אין דיא בערג. איינינע פון זייא האבען געקריגען א ארט אזוי מען קאן נאך לעבען אביס'ל בעקוועמס, מען קען אַקער'ן דיא ערד און פאשען פיה; אַנדערע וויעדער אין בלאטעס פארוואַקסען מיט וואלד אוואו עס איז ניטא קיין ארט ניט אויף אַקער'ן און ניט אויף פאשען פיה. אט דארט וואָהנען דיא אירולען. זייא שפייזען זיך מיט יאגדעס, אויבס, וואָרצלען און מיט אייער, צווייא אָדער דרייא מאנאטען אין יאהר שפייזען זייא זיך מיט דיא יונגע קנאספען פון דיא באמבוקעס. אנשטאַדט קליידער בינדען זייא ארום דעם קערפער מיט א שמאטע און אז זייא האבען ניט קיין שמאטע געהען דיא מאַנספּייט בלויז נאקעט און דיא פרויען בינדען זיך ארום פון פארנט מיט בלעטער. דיא אירולען פערבאהאלטען זיך אין דיא לאָכער פון דיא קעאלען אָדער אין שטייניגע פלאַטקעס.

פון מלאכי׳ הייסען זייא נור פלאכטען ראנזשעס פון צווייגען אונ קארזינעס (קערב) פון באמבוקער וועלכע זייא טוישען אויס ביי דיא נאהנטע שכנים פאר זאלץ אונ פעפער.

האבער איבער דיא אירולען אין דיא וואלדער וואו דיא ערד איז טריקענער אונ דיא לופט געזונדער לעבען דיא קורומבען (курумбы) וועלכע בראדזשען אויך ארום זוכען שפייז. ביי זייא קען מען שוין געפינען גרויסע פאלאטקעס וואו עס וואהנען צוזאמען גאנצע פאמיליעס; נור דיא אללע איינוואהנער זאלען זיך דארט צוזאמענען אויבערשטען איז זייער שווער, עס איז קאנטיג אז דיא וואהנונגען זענען נור געמאכט אויף א איבנאמענדען טראף אונ עס געהען אהין איין אויף א קורצע צייט נור דיא וואס געפינען זיך נאהנט פון וואהנונג.

דיא קורומבען בעטלען אמאל אויס אדער בעקומען פאר ארבייט, פון דיא נאהנטע נאראדען וועלכע זיינען שוין תבואה, אביסעל קערנער. דאן ברענגען זייא אויס א שטיקעל וואלד, מטשאראפען אויס דיא ערד מיט א שארפע פאלקע אונ פארזייען דיא קערנער. נור קוים אבער ווערט דיא פארזייאונג אביס׳ל צייטיג אזוי עסען זייא דאס אויף מיט׳ן ווארצעל.

כל זמן זייא האבען דאס עסען זייא זאט אונ זיצען אויפ׳ן ארט, נור אז דאס געהט אויס הונגערן זייא ווידער אונ הייבען וויטער אן בראדזשען. קלויבען יאגדעס אונ ווארצלען, יאגען זיך נאך הירש׳ן, האפען שלאנגען אונ קריכענדע פאגעל.

דיא שכנים זייערע וועלכע אקער׳ן דיא ערד אונ האדעווען פיה לעבען שוין ניט אין דחקות אונ שטיצען דיא הונגעריגע אירולען אונ קורומבען. זיי שטיצען זייא ניט אזויא פון רחמנות וועגען ווייא פון מורא, ווייל זייא האלטען זייא פאר מכשפים. דעם מיטעל האבען דיא אירולען אונ קורומבען בעקומען צוליב דעם ווייל זייא ווייסען יעדעס גראזל אונ קענען אללע טהירען פון דיא קלענסטע ביז דיא גרעסטע.

דיא שכנים זייערע וועלכע האבען אין דעם קיין ידיעה ניט אז עס ווערט זייא קראנק א היימיש פיה רופען זייא א אירול אדער קורומב ער זאל זייא היילען אונ איבערהויפט אפשפרעכען א עין-

הרע . זייא רעכנען אז נאר דיא ווילדע ניבען א עין-הרע אונ נור זייא קענען אפ שפרעכען ווייטער קיינער נים . דריבער פרי זייא זאללען גים געבען קיין עין-הרע אונ אפשפרעכען ווען מען האט שוין געגעבען , צאהלט מען זייא פאר דעם אונ קריגען נאך אמאל א שמענדיגע פענסיע . געוועהנליה , דיא גאנצע זאך איז א נארישער אבערגלויבען , קיין עין-הרע איז גאר נים דא , נור פראסטע מענשען גלויבען אין דעם אונ האלטען פאר מכשפים אדער בעל מופתים , דיא , וועלכע זעהען אוים עפעס אנדערש ווי זייא , אונ מיינען אז יענע ווייסען קהאמפערשט אזויגע סתרי-תורה .

אין אמעריקא אין דיא זיד (דרום) וואלדער איהרע , וואנדערן ארום אסך ווילדע שבטים וואס לעבען נור פון פאליעוואניע , איינע פון זייא דיא באטאקודען (боτокуды) , זענען זעהר נים קיין ריינע מענשען , פון ברוד קומען זייא אוים שווארצער וויא זייער אמת'ר שווארצער קאליר איז .

זייער געזיכט איז ענליך צו דיא עפקעטאפען . זייער צייטונג קומט ביים אונז אין דיא אויגען אוים זעהר מטראנגע . קליינע שטיקלעך האלץ שטאבן זייא אריין אין דיא אויערן אונ אין דיא אונטערשטע ליפ . דיא באטאקודען וואהנען אין זעהר געדיכטע וואלדער , אין וועלכע עס איז כמעט אוממעגליך דורך קריכען צווישען דיא בוימער . דארט איז זעהר היים אונ דיא ווילדע געהען ענטוועדער בלויז נאקעט אדער נארטלען זיך ארום מיט א שמאלען גארטל . דיא הייזלעך זייערע ווערען געמאכט פון צווייגען אונ זענען לאנג אדער רונד , זייא שפייזען זיך מיט דעם וואס זייא שיסען ווילדפרעט מיט א בויגען , ווען זייא קענען נים שיסען קיין פיערען חאפען זייא אונ קלויבען אויף פון דער ערד אללעס וואס קומט זייא נור אין האנד אריין . דער איינציגער סין וואס זייא עססען נים , איז : שלאנגען . דיא גרויסע בוימער זענען זא באוואקסען אז עס איז אוממעגליך דורך קריכען צווישען דיא געדיכטעניש , אט דער וואלד מאכט אז דער מענש קען פון קיין זאך נים וויססען , דען מען קען דארט נים פאשען קיין פיה אונ נים אקערן דיא ערד .

דאס קען מען שוין נים זאגען וועגען קאליפארניע , א קאנט וואס ליגט אין מיט אמעריקא אונ אין וועסט (מערב) ברעג איהרען .

דאס איז א קאנט וואס האט פיעל וואלד, פיעל וואססער אונ דיא ערד איז פרוכטיג. ביא דיא ברעגעס פון דיא טייכען וואקסען דיא גרייסע דובען (אזוי הייסען דיא גרויסע [illegible] איבערז), אונ באוויל דאלין (лопчато бумажное дерово) [illegible]אם ווערט פון דעם גע־באכט לייווענד. דיא גאנצע סחורה וואס ווערט אויסגעארבעט אין לאדז אונ אין ביאליסטאק איז נור פון דיא באו[illegible]ל דאלין. איבערז). עס געפינט זיך דארט גרויסע וויעזעס וועלכע האלטען עטליכע טויזענד דעסאטין דיא לאנג אונ זענען באדעקט מיט ווילדען האבער (פון זיך זעלבסט געוואקסענס. איבערז). דיא טייכען זענען דארט פול מיט פיש, וויא לאקסען אונ פארעלען; אין דיא קלייגע וואלדלעך געפינט זיך הירשען אונ ווילדע ציגען. מיט איין ווארט, עס איז א ארץ זבת חלב ודבש, עס איז דא פון פאגעל מילך, פון דעסטוועגען לעבען דיא ווילדע איינוואהנער פון קאליפארניע ניט בעסער וויא דיא באטאקודען, געהען כמעט נאקיט. וואהנען אין פאלאטקעס, ארבייטען ניט דיא ערד, האבען ניט קיין לאדקעס אונ האבען שפייז קיים אויף ערנאהרען זיך. איבערהויפט איז דאס ריכטיג וועגען דיא איינוואהנער פון באטאקודען מיט קאליפארניע, זייא בראדזשען ארום, קלייגע קאמפאניעס וויז דאס רוב בלויז נאקיט, נור ווינטער צייט ווארפען זייא ארויף אויף דיא פלייצעס א פעל פון אהירש אדער פון א אנדער טהיר. פרויען טראגען אפילו זוממער פון פארנט אונ פון הינטען ביז דיא קניע פארטוכער פון לאנגע טרוקענע גראז. זוממער איז דערהויפט זארג פון קאליפארנישען אינדיין [1] געפינען א ארט א וואו זיך פערבאהאלטען פיר דיא היטץ פון דיא ברענענדע זאנגע, ווינטער בעשטעהט זייערע וואהנונגען אין א גרוב באדעקט מיט צווייגען. וועלכע ווערען אריינגעשטעלט ארום גרוב אונ דיא איבערשטע עקקען בינדט מען אויף צוזאמען, קומט דיא גרוב אוים פארדעקט, דיא לאבער ווערען פארשטאפט מיט קארע אונ פון אויבען ווערט אנגעליינט מיט ערד אדער מיט לעהם. דיא הייזליך ווערען אמאל געמאכט גרויסע פיר עטליכע פאמיליעס צוזאמען.

---

[1]) אללע אמעריקאנישע ווילדע הייסען אויך אינדייצעס, וועיל קאלאמבוס האט פון אנפאנג געמיינט אויף אמעריקא אז עס איז אינדיא, אונ האט זייא גערופען אינדייצעס. איבערזעטצער.

די קאליפארנישע אינדייצעם זענען זא פויל אז די האבן אפילו זיך ניט איינגעארבעט אין פאליעוואניע, זיי קענען לכתחילה ניט מאכן קיין חאפּקעסטיל און נאך אזויגע זאכן וואס פארגרינגערן די פאליעוואניע. ווען זיי גייען אין פאליעוואניע איז טהוט זיך איינער אן אין א פעל מיט א קאפּ מיט הארנער פון א הירש, גנבעט זיך אריין אין א סטאדע און גיט פלוצלונג א שאס אויס פון א בויגן, מיט די באגענע הערנער זיי נעצם און קריגן פאגעל. זיי עסן אלערליי קריכנדע ביישפּיעלן אימער ניפטינג נור די הויפּט שפּייז זייערע איז: ושאלאנדעס, ווארצלען, קערנער פון גראזן און יאגדעס. די ושאלאנדעס ווערן געטריקנט אויף די זון נאכהער געקאכט אויף מעהל, פון די מעהל ווערט געבאקן אזא גראבער סארט ברויט וועלכן זיי עסן מיט גראז אדער מיט יאגדעס.

וואסער־קרעם און פיש, כאפּן זיי מיט נעצן וועלכע ווערן אויסגעשפּרייט פון איין עק ברעג ביז צום צווייטן. די פיש שטאכן זיי אמאל שטעכענדיג אויפן ברעג. דער קיין ליאדקעס איז ביי זיי ניטא, דעם טייך שווימען זיי איבער אויף אזא פלאט וועלכער איז געמאכט פון טראסטניק.

אזוי לעבן די מיט קאליפארנישע אינדייצעס. די שכנים זייערע (לקאל אין נארד קאליפארניע) לעבן שוין בעסער. זיי לעבן דריבער זא שלעכט, ווייל זיי זענען זעהר פויל און זענען ניט קיין בעלי־תכליתים, וועגען מארגענדיגען טאג קלערן זיי גאר ניט, אביא אויף היינט איז דא. דעם פעהלער זעהען מיר ביי אנדערע ווילדע אויך. אז דער מענש זאלל אנהייבן לעבן בעסער, מוז ער פריהער אויסלערנען זיך קלעהרען, דענקען, ווען ער שוין קען טראכטען וועגען צוקונפט און זעהן בעקומען דאס וואס ער איז נור אימשטאנד צוא דערגרייכען. אבער ווען מען קלעהרט ניט וועגען די לאגע צוא עס דארף אזוי זיין צוא ניט ווען מען קיינמאל ניט ארויסקריכען פון דעם.

דער הונגער ברענגט דעם מענש צוא דעם, אז ער טוט אפ די גרעסטע מערדעריען:

הונגעריגע ווילדע עסען מענשען פלייש אויך, איבערהויפּט

עסען זייא דיא פלייש פון זייערע געהרג'טע שונאים, נור אז זייא זענען שטארק הונגעריג עסען זייא אמאל אייגענע מענשען אויך [1].

צוליב דעם הונגער האבען דיא ווילדע מורא עס זאלל ניט זיין קיין איבעריגע מיילער צום עסען. דריבער הרג'נען זייא דיא נייא געבארענע קינדער דאן ווען אהן זייא איז שוין אויך דא אסך. אלטע און שוואכע ווילדע קענען שוין ניט ארבייטען איז געמיינער זייא טאראגען זייא אדער בראנגען אוועק אין א פוסטען ארט, טראגען אויף א פאלאטקע און לאזען זייא דארט איבער אליין אהנע מיטלען צום לעבען. אפילו דאן ווען דיא מענשען קומען שוין אויף דיא שטופע וואס זייא לייידען שוין ניט קיין הונגער, פון דעסטוועגען האבען זייא נאך אלץ מורא און הרג'נען אלטע און איבעריגע קינדער.

נור פון דעסטוועגען, אז דיא ווילדע הונגעריגע, ווילדע ניר רעדען דא, קען מען ניט אנרופען שלעכטע, פארקערט זענען שטילע, פרידליכע, מען קען קיין שלעכט'ס ניט אומזיסט און זענען גרויסע מכניס-אורחים, זענען גרייט טהיילען זיך מיט'ן ביס'ן ווען עס קומט אדער פארבלאנדזשעט צוא זייא א מענש, און זענען ניט אזוי נארריש וויא עס דאכט זיך. ווען זייא ווייסען נאר אז זייא ווילען פון דעם זיין זאט, ארבייטען זייא און מאכען אללעם ניט ערגער וויא אנדערע מענשען, הנם עס געפינט זיך ניט קיין מענשען וואס זאלען לעבען ערגער וויא דיא ווילדע הונגעריגע, פון דעסטוועגען זענען זייא אין דער נאטור בעסער וויא אסך אנדערע ווילדע אדער האלב-ווילדע, דער מענש ווערט פארדע און שלעכט ניט דאן ווען ער איז ארעם, האט גאר ניט און פערלאנגט ניט קיין סך, נור דאן ווען ער האט שוין עטוואס און איהם ווילט זיך האבען נאך מעהר, ווען ער האט מנה (הונדערט) און וויל מאתים (צוויי הונדערט).

---

[1] צו וואס דער הונגער קאן ברענגען האבען מיר געזעהן ביי דען חורבן (ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען), אז מוטערס האבען געגעסען דיא פלייש פון אייגענע קינדער, איבערזעטצער.

VII.

נאסטאיאשצע יאגערס. (Настоящіе охотники)

דיא הונגעריגע ווילדע וועלכע מיר האבען דא בעשריבען, קען מען אנרופען: „יאגערס בעל-פרדם" (מיט נויט). ווען עס איז נור מעגליך פאנגען זיא אן פארפיהרען היימישע פיה אונ בעארבייטען דיא ערד. עס געפינט זיך אבער זאלכע ווילדע, וועלכע זענען זא געוואהנט געווארען צום בראדיאטשען לעבען, אז זיא ביימען איהם כאין אופן ניט איבער אויף קיין שום אנדער לעבען. דאס קען מען זאגען אויף דיא בושמענעם (бушмены), וועלכע לעבען אין זיד אפריקא. דיא בושמענעם זענען קליין געוואוקסיגע מיט דינע האנד, דינע פיס אונ א אראפ געהאנגענעם בויך, דיא הויט זייערע איז גראב אונ טרוקען. זיא שמירען דעם קערפער מיט פעטס, צו וועלכע עס קלעבט זיך צוא דער שטויב אונ דיא זאמד אין וועלכע זיא וואלגערן זיך, אויף דעם שמירען זיא נאך אמאל אונ וואשען ניט אפ דיא פריהערדיגע, אזויא ווערט מיט דער צייט אויפ'ן קערפער א ברוד פון אויבען וויא א קארע אונ דער קערפער אליין זעהט זיך כמעט גאר ניט ארויס. זיא זאגען אז עס איז זיא צוליב דעם װארימער. דער געזיכט זייערער איז ברייט, פיער-קאנטיג מיט א צופלאצשעטע נאז אונ סקולאסטע (ביינער), עס טרעפט ביי זיא אפט קרומע אויגען וויא ביי טאטארען, נור לעבעדיגע, פייערדיגע אונ רוהען ניט קיין רגע. דער מונד איז ברייט, דיא צאהנער גלייכע נור ביידע ציילען שפארען ארויס אויפ'ן פראנט אונ צוזאכסען מיט דיא גלייכע שפעהענדע גרויסע אויערן, זעהען זיא אוים אין געזיכט וויא א טהיר.

דיא בושמענעם געהען נאקעט. נור ביי דעם עק בויך בינדען זיא צוא א קליין פיער-קאנטיג שטיקל פעל אונ אויפ'ן פלייצע ווארפען זיא ארויף א פעל פון א טהיר. אין דיא האאר זייערע וועלכע זענען פאכאזשע אויף שעפסען וואלל, אדער ריכטיגער, אויף א ווייכע שווארצע בארשט, שטעקען זיא אריין פעדערן פאר א ציערונג. דיא בושמענעם סטראיען ניט קיין הייזער נור פארבאהאלטען זיך אין פעשצערעס (מערות, היילען) באדעקט מיט שטיינער. ווען זיא גע-פינען ניט קיין מערות, נאכטיגען זיא פראסט אין א גרוב. זעלטען

אמאל , אז זיא בינדען אויף צוזאממען צווייגען , פארשטאפען דיא לאכען מיט מאך אונ ארונטער ליינענדיג זיך אונטער דעם פארהאנג. בעטען זיא אונטער בלעטער. נור ווען זיא פאללען גראדע אריין אין א ארט וואו עס געפינט זיך א סך ווילדפרעט אונ קענען דארט פארבלייבען א לאנגע צייט , שטעלען זיא שוין אריין צווייגען אין דער ערד , דעקען צוא מיט צווייגען אונ מיט פעל .

וויא געשיקט א אוסטראליער איז , נור א בושמען איז נאך געשיקטער . דער קליינינקער , דארינקער אונ ריהרענדער בושמען וועט אים גדום דורכקריכען , וועט אללעס דערהערען אונ אללעס דערזעהן .

עס איז ניטא א מענש זאלל קענען אזויא פיעל איבערטראגען וויא ער . ער קען זיין גאנצע טאג אהן געגעסען אונ אהן געטרונקען . מיט זיינע געוועהר קען ער ארבייטען אנטיק . זיא שמירען אמאל דיא געוועהר מיט גיפט , דאן איז פון דיא קלענסטע ראנע ווערט דיא טהיר געטאדט , זיא נעהמען גיפט פון גיפטיגע שלאנגען אונ מישען צוא דעם צוא פון גיפטיגע געוויקסע . דער גיפט איז זעהר א געפאהרליכער .

דיא בושמענעס טראגען שטענדיג מיט , א זאק פון א פעל פון א אנטילאפע (וויא א סארט גרויסע ווילדע קאזע) , א געמיז פון אויסגעדרייטע געוויקסע וויא א סארט ווילדע קאנאפליעס אינ א פאלקע מיט א פארשארפטען שפיץ . מיט דיא פאלקע גראבט ער אויס זוארצלען , טרייבט ארויס דיא טהירען וועלכע זיטצען אין דיא נארעס אונ גראבט גריבער .

דיא בושמענעס טראגען אויך מיט , וואססער אין דיא אייער פון דיא פאגעל סטראאוס (страусъ) , וואס געפינט זיך אין זייער קאנט , דאס עפענונג פון דיא איי פארשטאפען זיא מיט גראז .

דיא בושמענעס זענען זעהר קינסטליכע מייסטערס אויף סטראיען פערשידענע האפקאסטליך פיר קליינע אונ גרויסע טהירען . זיא קענען האפען אונ הרג'נען מעהר סטראאוסען וויא דיא ווייסע מענשען (אייראפייער) וועלכע רייטען אויף פערד אונ האבען ביקסען . א דייטשער רייזענדער איז אמאל פארגעקוממען זעהן וויא דיא בושמענעס האפען ווילדפרעט , אזויא דערצאהלט ער : „עס איז כאן

געוועזן ניין פערזא וועלכע זענען געוועזן שטארק אויסגעדארט פון הונגער. אויסשטעלענדיג זיך אין א ריאד (צייל) ווייט איינער פון צווייטען עטוואָ צוויי הונדערט טריט, האט קיין איינער פון זייא ניט גערעדט א ווארט, אללע האבען געשוויגען, נור ווען עס האט ווער באמערקט א שטיקל שלאד פון ווילדפרעט האט ער אויפגעהויבען דעם שפיז. דיא וואס זענען געשטאנען נאהנטער צוא איהם האבען איבערגעגעבען דעם וועלכען ציהען דיא רעשט און אללע האבען זיך איבערגעקערט אויף דיא זייט אויף וועלכע עס איז געוועזן דער שלאד. אויף דער רעכטער זייט איז געפונען געווארן א שלאד פון א גרויסע אנטילאפע.

באלד האבען זיך אללע צוזאמען געקליבען און האבען גע-וויזען מיט דיא שפיזען וואוהין דיא טהיר איז נאך זייער מיינונג אוועק. און צוויא דיא יונגסטע און געשיקטסטע האבען זיך אויפגעקארטשעט אנגעהויבען קאראבקען זיך דורך דיא קוסטארניקעס (קליינע בוים-ליך) פונקט וויא קאטץ און זענען גיך ענטשוואונדען געווארן פון אויג, אויך זא שטיל און בעהוטזאם האבען זייא זיך אומגעקעהרט און אוועקגעפיהרט דיא יאגערס צו דעם בוים אונטער וועלכען עס איז געשטאנען א גרויסע אנטילאפע".

נאך געשיקטער איז א בושמען אין פאליעוואניע אויף א סטראאוס. זייא נעהמען א שטיק האלץ, וואס איז אויסגעהאקט אין מיט'ן וויא א ארט זאטעל און בינדען צוא דעם צוא א פעל מיט פעדערן, א האלז און א קאפף פון א סטראאוס, דאס לייגען זייא ארויף אויף דיא פלייצעס און שמירען אום דיא פיס אזויא אז עס זאלל אויסקומען פאכאזשע אויף א סטראאוס, זייא מאכען אויך נאך פונקט דיא מינעס איהרע. דיא נאכגעמאכטע פאגעל גייט עקסטרא פריהער ארום איניגע ארטער, ציהט אום דעם קאפף גלייך וויא זיא זוכט עפעס. דא גייט זיא פאמעלעך, דא לויפט זיא ביז זיא נעהט צוא נאהנט צוא דיא סטאדע. ווען דער אמת'ר סטראאוס פאלט טוידט פון שאס און דיא גאנצע סטאדע אנטלויפט פון טומעל, לויפט דיא פאלשע פאגעל מיט זייא מיט. ער מוז זא טהון, ווייל ווען דיא סטראאוסען באמערקען דעם פאלש פיקען זייא איהם, ער מוז אומבעמערקט אוועק.

אין חיטדראסט איז דער אױסטראלען ערהױליך צום בושמען ; נור אין חדאבראסט נעהט איהם דער בושמען איבער , װײל ער איז געװאוהנט אבאמען זיך (געהן אין פאליעװאנע) אויף גרױסע געפאהר-ליבע טהירען , עס איז שװער געפינען א מענש זאלל קנאפער מורא האבען פאר דעם מירט װיא א בושמען . א קליינע קאמפאניע בושמענעס פאלען שמיאלע אן אויף א לייב . ניט קיין גרױסע רױבענדע טהירען האבען זײערע ערװאקסענע קינדער פאר דעם צונג . הרג'נען א מענש איז ביא זײא גאר ניט געװאמשעט , זײא האלטען א קאמפאניע װײסע קאלאניסטען פיר אזא פאליעװאנישע רױב װיא א סמארע בױװאלען (буйволы) [1] . האלטען ביא זיך פיה װילען זײא פאר קלינעס פאלל ניט . דיא בעסטע זאך איז ביא זײא ארום בראדזשען פרײא אהן ארביט , אפילו הינד שטערען זײא אויך אונ האלטען זעלטען א הונד ביא זיך . אויף דיא בושמענעס זעהט מען װיא נײט דער בראדיאגישער לעבען עסט זיך איין אין מענש אונ װיא שװער עס איז איהם אפגעװאהנען זיך פון דעם .

אין אמעריקא , אביסל װײטער אין צפון װינקעל װיא דיא קאליפארנישע אינדײצעס , לעבען קאלאמבישע-אינדײצעס . זײער קאנט איז צוטהײלט מיט בערג אויף צװײא טהײלען . אין איין זײט נאהנטער צום ים װאהנען פיש-האפער , אונ אויף יענער זײט — יאגערס , װעלכע פארנעהמען זיך נור מיט פאליעװאנע . דיא זענען מיטעל געװאוקסינע , מאגערע אבער שטארקע , שטארקער פאר דיא אינדײצעס פיש-האפערס . איך אויפן געזיכט זענען זײא שענער פיר יענע . נור דאס געזיכט איז לאנג , דער נאז שפיטציג , דיא ליפפען דינע אונ דיא מינע זײנע זעהט אויס בײז אדער מרה-שחורה'-דיג . זײא טהוען זיך אן אין פלאטצען אדער קאלדרעס געמאכט פון קארע אדער קליינע פעלבלאך . נור אם מײנסטענס טראגען זײא העמדער פון הירשענע פעל אדער פון א װילדע קאזע . ביא דיא מאנסלײט איז דיא העמדער ביז דיא קניע אונ ביא דיא פרױען ביז דיא טריט , הױזען טראגען זײא אויך פון דיא זעלבע פעל , זײא

[1] אזא מארט אקס , האט ליעב קױקלען זיך אין בלאטע אונ אין װאססער , מען ארבעט מיט איהם גלייך װיא מיט א פראסטען אקס , נור זײן פליש עסט מען ניט . אין איראפא װעגען זײא ניטא . איבערז.

טראגען אויף זייבע שטיוועל און אמאל נאך היטלען פון פעל. די וואהנונגען זייערע ווערען געמאכט פון שיערדעס (ציינגען) באדעקט מיט גראבע דאנגשעס אדער מיט פעל, זיי שפייזען זיך מיט פיש, וואסער-ווילדפרעט, ווארצלען און אויבס. עס ווענדט זיך אין וואס פאר א ארט זיי וואהנען. נור פיש חאפען איז נור א ביא זאך. דער עיקר איז ביא זיי די פאליעוואנגע אויף גרויסע טהירען, ווי: בויוואלען, לאסען און הירשען נאך וועלכע צו חאפען מוזען זיי אוועק ווייט פון וואהנונג, זיי באדערפען די טהירען שיסענדיג פון א בויגען צו נגבה׳נענדיג זיך נאהנט פון די סטאדע, אדער פערטרייבען זיי אין דעם ארט וואו עס ליגען שוין פארבאהאלטען יאגערס. אום נאטהען די טהיר לויפען דארט וואו די יאגערס זענען פארבאהאלטען, ציהען זיי אן דאס גראז אדער הענגען אן אויף די קוסטען (קליינע בוימליך) שמאטעס פון פערשידענע קאלארען; די שמאטעס, רעבענען די ערשראקענע טהירען פאר מענשען, און לויפען אהין וואו די שמאטעס זינד ניטא, ד. ה. דארט וואו די יאגערס זענען פארבאהאלטען. זיי האבען אויסגעלערנט הינד געהן אין פאליעוואנגע, און אזוי מען קען געפינען ווילדע פערד חאפען זיי די פערד און פאהרען אויף זיי אין פאליעוואנגע אויף בויוואלען, אז עס נעראט ניט די פאליעוואנגע און ניט די פיש-חאפען נעהמען זיי זיך דאן צו ווארצלען און טאנדעס. איבערהויפט ליעבען זיי א ווארצעל וואס האט א טעם ווי קנאבעל. צו געפינען דעם ווארצעל געהען זיי זא ווייט זוכען ווי אויף פאליעוואנגע, אזוי ליעב האבען זיי דאס. שפייז קאכען זיי מיט הייסע שטיינער אדער סמאלען אויף שפיזען, וועלכע זענען אריינגעשטעלט אין דער ערד ארום פייער.

קיין פערד איז פריהער אין אמעריקא ניט געווען, זיי זענען פארפירט געווארן אהין ערשט דורך די איראפייער, נור אויף די דארטיגע גוטע פאשע האבען זיי זיך זא פארמעהרט, אז יעצט קען מען געפינען גאנצע טאבונען, פארווילדעטע פערד. די פערד האפען די אינדייצעס. דארט פאהרען רייטענדיג אפילו פרויען און קינדער; קינדער פאנגט מען אן לערנען רייטען גלייך ווי זיי זייבען אן געהן. די אינדייצעס באנוצען זיך מיט די פערד צום

פאהרען, אבער פארנעהמען זיך ניט מיט האדערוען זאלכעס, אונ בענוטצען זיך ניט מיט זייער מילך אונ פלייש.

זייער לעבען האט זיך אין פיעל הינזיכטען פאראנדערט זינד זיא האבען באקומען פערד, נור מען קען ניט זאגען אז ער האט זיך פארבעסערט, דיא פאליעוואגע אויף בויוואלען איז געווארן גרינגער, דערפאר אבער זענען זיא געווארן ניט קיין בעלי תכליתים אונ פארזארגען ניט אויף דיא שלעכטע צייט, זא אז דיא מאס ליידונגען איז אין כולל ניט קנאפער געווארן, דאס וואס זיא ברויכען איינשטעלען זיך אין סכנות אין פאליעוואגע אונ אויף מלחמות, מאכט זיא פאר חראברע אונ שטאלצינגע, זיא זענען פיעל חראברער אונ שטאלציגער פאר דיא אינדייצעס, וואס פארנעהמען זיך מיט פיש-חאפען.

— דיא רינזענדער לויבען זיא פאר זייער גוטמקייט אונ מכניס-אורחקייט. איינינע שבטים זייגען שטאלצירען מיט דעם, וואס זיא האבען קיינמאל ניט פארגאסען קיין בלוט פון א ווייסען מענשען (איראפייער). פון דיא בישמענעס אונ קאלאמבישע אינדייצעס קענען מיר זעהן וואס דער יאגערשער לעבען מאכט פון מענש, זיא לערנט איהם אויס נור בראדזשען אונ לאזט ניט געוואהנט ווערען צוא א ארדענונגען אונ גאספאדארקען לעבען, דערפאר מאכט זיא איהם פאר א געשיקטען, חראברען אונ שטאלציגען, וועלכער האט ניט קיין מורא ניט פאר שלעכטע מענשען אונ ניט פאר רויבענדע בהירען.

VIII.

ראזבאיניקעס.

אין אמעריקא, אויף דיא ברייטע וויעזעס איהרע אונ אין דיא פוסטינעס, לעבען נאך אסה יאגערם וועלכע בענוטצען זיך שוין מיט פערד. נור ניט אללע זענען אזעלכע גוטע אונ בעל רחמנים אויף מענשען ווי דיא קאלאמבישע אינדייצעס. אט דיא אפאטשען, זעען זיא זענען הונגעריג, באפאלען זיא וועהמען זיא קענען נור. דארט אין זייער ברייטען, גרויסען קאנט געפינט זיך גרויסע בארג, אויף וועלכע ווינטער איז שטארק קאלט. דארט איז דא פיעל וואלדער

וואו עס באהאלטען זיך מענשען און טהירען. צעהן מאנאטהען אין יאהר איז היים, נור אין דיא הייסטע צייט איז קאלטע נאכט, דארט בלאזען שטארקע ווינדען וועלכע מאכען אן א שרעקליך עססענדען פול וואס איז שעדליך פאר דיא אויגען און פאר'ן אטהעם. צוויא וואכען אין אפריל און זעקס וואכען אין אקטיאבר און נאיאבר גיסט א שרעקליכער רעגען וויא א מבול, נור באלד נאך דעם פאנגט אן דיא ערד גרינען און בליהען, דאן באווייזען זיך פון דיא ראווינעס (גלייכע ערד, וועלכע האבען ניט קיין בארג. איבערז.), בופאלען, אנטילאפעס, און הירשען; נאך זייא גנבה'נען זיך אהין, בערען, וואלף און ווילדע מענשען–אפאטשען.

דיא סאמע ווילדסטע פון זייא, וועלכע שפייזען זיך נור מיט פלייש אליין, זענען ניט שאן; דאס מאגערע געזיכט איז ברייט, אהן א בארד, א צופלאטשעטע נאז, א גרויסען מויל, דינע ליפען און א גראבע הויט אויפ'ן גאנצען קערפער. אויף דיא פיס טראגען זייא אזא סארט זאקען פון פעל, אין דיא הייסע צייט בינדען זייא נור צוא, צוא דיא ביאדרעס א שטיקל שמאטע אדער א פעל פון א קליינע טהירכען, און דיא פרויען טראגען א יובקע פון קארע אין דיא קאלטע צייט און ווען זייא זענען אין וועג טראגען זייא העמדער פון הירשען פעל, זייא זענען באדעקט מיט שמוטץ פונקט וויא מיט נאך א הויט, עס איז זעלטען זייא זאללען זיך אמאל באדען. זייערע הייזלעך ווערען געמאכט פון צווייגען און בלאטער באדעקט מיט פעל אדער מיט גראז, אין דיא קאלטע צייט פארבאהאלטען זייא זיך אין פעשצערעס און מאכען דארט א גרויס פייער. נור ליעבער וויא אלץ איז ביי זייא: זיין אויפ'ן פרייען לופט און ארום־רייזען פון איין ארט אויפ'ן צווייטען. ווען עס כאפט זייא אן אין וועג א קאלטע נאכט אדער עס מאכט זיך פלוצלונג א וויכער (א שטארקער ווינט. איבערז.), באהאלטען זייא זיך אין א גרוב, ווען עס איז קיין גרוב ניטא גראבען זייא עקסטרא אזוינס אויס און שלאפען דארט צוגע־דעקט מיט צווייגען.

דעם אפאטש קומט אויס שפייזען זיך מיט דעם וואס פאלט איהם נור אין האנד אריין. ער ווארט געדולדיג אויף דיא ווילדפרעט פארבאהאלטענדיג זיך אונטער דיא קוסטארניקעס צוגעדעקט מיט

גְרָאז, זָא אַז מֶען קֶען פוּן דֶער וַוייטֶענְס מַיינֶען עֶס אִיז אַ בֶּארגל ; אָדֶער עֶר וִויקֶעלְט זִיךְ אַיין אִין אַ פֶעל אַיינגֶעפַּאטְשֶׁקְט מִיט וַואמְד אוּנ זֶעהְט אוֹיס וִויא אַ שְׁטֵיין. נוּר אֲפִילוּ דִיא חִיטְרָאבְּט הֶעלְפְט אִיהם אוֹיךְ נִיט, דֶען דִיא בַּייזְוָואלְפֶען, לַאקסֶען אוּנ הִירְשֶׁען פַאלֶען זֶעלְטֶען צוּא אִיהם אַרַיין אוּנ עֶס קוּמְט אִיהם אוֹיס קָארְמֶענֶען זִיךְ מִיט קְלֵיינֶע טְהִירְכֶען, וִויא קְרָאלִיקֶעס אוּנ וִוייוֶוערְקֶעס (בֵּעלְקֶעס) ; אֲפִילוּ מִיט שְׁלַאנְגֶען אוּנ וֶוערִים בְּרַאקִירֶען זַייא אוֹיךְ נִיט. וֶוען זַייא הָאבֶּען אַסַךְ עֶססֶענְוַוארְג עֶסְסֶען זַייא זִיךְ זָאפִיל אָן, אַז קוֹים דֶער בּוֹיךְ וֶוערְט זַייא נִיט צוּשְׁפַּאלְטֶען ; נוּר דָאס טְרֶעפְט זֶעלְטֶען, גִיכֶער טְרֶעפְט אַז זַייא הוּנְגֶערְן.

פְרִיהלִינְג אִיז בַּייא זַייא אַ קַרְגֶע צַייט אוּנ דֶער זוּמֶער אִיז זֶעהר אַ הַייסֶער, זָא אַז דִיא גְרָאז וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט ; דַאן גֶעהֶען דִיא גְרוֹיסֶע גְרָאז־עֶסְסֶענְדֶע בְּהֵמוֹת אַוֶועק פוּן דָארְט.

אַ אַפַּאטְשְׁ קֶען זֶעהר פַארְטְרָאגֶען הוּנְגֶער, מֵיידֶען אַז דֶער הוּנְגֶער אִיז שׁוֹין אוֹיף דִיא לֶעצְטֶע מַדְרֵגָה גֶעהֶען זַייא זִיךְ זוּכֶען שְׁפֵּייז דוּרךְ גְזֵלָה אוּנ רְצִיחָה.

צוּא דְרַייא צִיא פִיער נוּר נִיט מֶעהר וִויא צְוֶועלְף פֶערְזָאהְן יָאגֶען זַייא זִיךְ אוֹיף זַייעֶרֶע פֶערְד אִין דִיא הַייסֶעס. זָא וִויא אַלֶע ווִילְדֶע יָאגֶערְס, שְׁפְּרִינְגֶען זַייא אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט אַרָאפּ פוּן פֶערְד, קוֹים זַייא דֶערְזֶעהֶען נוּר עֶטְוָואס וָואס מֶען קָאן נוּר עֶסֶען: אַ יַאשְׁטְשֶׁערִיצֶע, אַ קְוָועטְשִׁיקל אָדֶער אַ קְלֵיין פֶאגֶעל. קוֹים דֶערְזֶעהֶען זַייא אַ הַייזֶ'ל שְׁטֶעהֶענְדִיג דָארְט אִין אַ זַייט אָדֶער רַייזֶענְדֶער פַאלֶען זַייא בַּאלְד אָן ; דִיא זְכָרִים הַרְגֶ'נֶען זַייא, אוּנ דִיא נְקֵבוֹת מִיט דִיא קִינְדֶער נֶעהְמֶען זַייא מִיט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייד אוּם נֶעהְמֶען פַאר זַייא פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם (אוֹיסְלַייז גֶעלְד). נוּר דָאס עֶרְשְׁטֶע זֶעהֶען זַייא אַרַיינ־חַאפֶּען דִיא פֶערְד, דִיא אַייזְלֶען אוּנ פַארְטְרַייבֶּען זַייא צוּא זִיךְ. וֶוען דִיא אַפַּאטְשֶׁעס יָאגֶען זִיךְ וֶועט זַייא קֵיינֶער בְּאֵין אוֹפֶן נִיט דֶער־יָאגֶען. דִיא טְהִירֶע וָועלְכֶע זַייא טְרַייבֶּען בְּלֵייבֶּען אָהְן כּוֹחוֹת אוּנ פַאלֶען אַמָאל אוֹיפֶן אָרְט טוֹידְט. בַּייא דִיא אַפַּאטְשֶׁעס אִיז דִיא הוֹיפְּט פַּרְנָסָה רַאבֶּעוֶוען אוּנ לֹא דַי זַייא שֶׁאמֶען זִיךְ נִיט, יַחְסְנֶען זַייא זִיךְ נָאךְ גָאר מִיט דֶעם. וֶוען זַייא קוּמֶען אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הָאנְד, מַאכְט מֶען פוּן זַייא חוֹזֵק, דִיא פְרוֹיעֶן ווִילֶען אֲפִילוּ נִיט


רעדען מיט זייא , אונ זא לאנג ערווייטערט זיך יעדערער פון זייא ביז
זייא זענען מכבד דעם [illegible]א מיט א גרויסען בראביאוש .

די אפאטשעס זענען זעהר גרויסע אכזרים אונ מוטשען
שטארק די פלעניקעס , נור זייא אליין קענען אויך פארטראגען די
גרעסטע מוטשעניעס . ביי אזא הארט לעבען איז די קינדער
שווער דערהאָדעווען זיך , דריבער זענען די אפאטשעס ווינציג דא .

זא ווי ביי אללע אינדייצעס , איז ביי זייא אויך דא א
אלמסטער , וועלכער גיט אכטונג אויפן ארדענונג צווישען זייא גופא ,
נור אויף גראבעזשען אונ אויף מלחמות מיט אנדערע שבטים ווערט
אויסגעקליבען א קאמאנדא באזונדערע קעמפע . אפאטשען איז א מרה־
שחורה׳דיגער נאראד , אפילו די שמחות זייערע איז אויך עפעס
שלאפערדיג .

איינלעבען זיך מיט די ווייסע מענשען , אייראפייער , איז זייא
געווען שווער . בילדען די אפאטשעס האט זיך אויסגעלאזט איז אונ־
מעגליך . זייא האבען ניט געוואלט שיידען זיך מיט זייערע
געוואהנהייטען . אמת , די ווייסע מענשען האבען ניט אזוי שטארק
געווארנט וועגען דעם , נור זייא האבען בעסער געסטארעט זיך פטור
ווערען פון זייא . די ווייסע זענען געגאנגען אין פאליעוואנע אויף
אפאטשען , גלייך ווי אויף וואלף , דריבער זענען זייא אנטלאפען
ווייט אריין אין די בערג , וואו עס קומט זייא אויס שטארבען פון
הונגער . זייא ווערען וואס אמאל קנאפער ; מיט צען יאהר צוריק
האבען זייא זיך געצאהלט צוויא טויזענד אונ יעצט איז דא ניט מיין
ווי פינף הונדערט . מען ראטעט זייא אויס גאר אהן רחמנות , מען
הרג׳ט אונ מען פארסמט מיט סטריכנין (אזא סם) .

אין אמעריקא האט זיך פיעל איבערגעביטען זינט דער
אייראפייער איז אהין אנגעקומען : פיעל וועלדער איז אויסגעהאקט
געווארן , גרויסע פוסטע ערטער איז געווארן פארזייעט ; אויף די
וויזעס אונ די סטעפעס פאשען זיך פיעל פיה , איבערהויפט זעהר
פיעל שעפסען , אט די סטאדעס ווערען וואס אמאל מעהר אונ די
רויטע יאגערס וואס אמאל קנאפער .



פוּן דֶעם אַלֶעם וָואס מִיר הָאבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען וֵוייסֶען מִיר דִיא פְּרִימִשִׁיגֶעם פַאר וָואס לֶעבֶּען דִיא ווִילְדֶע אַזַא לֶעבֶּען. אֵיינִיגֶע לֶעבֶּען אַזויא, ווַייל זַייא הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער מִיטֶעל נִיט גֶעהַאט וִויא: אַרוּמ־בְּרָאדְזֶשֶען אוּנ אַז פַּקְלַייבֶּען אַלֶעס וָואס אִיז נוּר מֶעגְלִיךְ צוּא גֶעבֶּען. אָט, דִיא אַוְסְטְרַאלִיעצֶעס קֵיין פִּיה הָאבֶּען זַייא אַזוֹא צוּא גֶעהַאבֶּען אוּנ בֶּעאַרְבַּייטֶען דִיא עֶרְד קֶענֶען זַייא, וֶועהט אִיהר, נִיט אִיבֶּערְשְׁטַאנְדֶע גֶעוֶוען, עֶנְטְוֶועדֶער ווַייל דָארְט אִיז זֶא טְרוּקֶען אַז וָואסֶער מוּז מֶען זוּכֶען צְוַוייא פַאוְשֶען טִיף אִין דֶער עֶרְד, אָדֶער פָּשׁוּט זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קֵיין שֵׂכֶל אוֹיף דֶעם.

הֲנֵם וָואס אִיז שַׁיךְ צוּא פַאלְיֶעוָואנֶע קֶענֶען זַייא נִיט נַאטִירְלִיכֶער וִויא אַנְדֶערֶע, דֶען זַייא הָאבֶּען דֶערְקְלֶערְט אַזֶעלְכֶע מִיטְלֶען, וֶועלְכֶע בַּייא אַנְדֶערֶע אִיז נִיטָא, נוּר נִיט אַלֶעס קֶען דֶער מֶענְשׁ אַלֵיין דֶער־קְלֶעהְרֶען. מִכָּל מְלַמְּדִי הִשְׂכַּלְתִּי, יֶעדֶער נַאַראד מוּז וָואס אִיז אִיבֶּער־גֶעהֶעמֶען פוּן אַ פְרֶעמְדֶען נַארָאד. שְׁכֵנִים בַּייא וֶועלְכֶע זַייא זָאלֶען קֶענֶען אִיבֶּערְנֶעהְמֶען עֶטְוָואס נִיצְלִיכֶע ווִיסֶענְשַׁאפְט אִיז בַּייא דִיא אַוְסְטְרַאלִיעצֶעס נִיט גֶעוֶוען. אוֹיף זַייעֶר אִינְזֶעל הָאבֶּען זַייא נוּר אַלֵיין גֶעווָאהְנְט אוּנ אַוֶועקְלָאזֶען זִיךְ וַוייט, הָאבֶּען זַייא מוֹרָא גֶעהַאט אַיינְצוּשְׁטֶעלֶען פַאהְרֶען אוֹיפֶן יָם מִיט זַייעֶרֶע שְׁוַואכֶע לְיָאדְקֶעס.

.נִיט בֶּעסֶער פַאר דִיא אַוְסְטְרַאלִיעצֶעס לֶעבֶּען דִיא אִירוּלֶען אוּנ קוּרוּמְבֶען, זַייא הָאבֶּען אַמָאל גֶעלֶעבְּט בֶּעסֶער וִויא יֶעצְט אוּנ זֶענֶען נִיט מִיט זַייעֶר אֵייגֶענֶעם רָצוֹן אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין אַ בְּלָאטֶע אַווּאוּ מֶען קֶען נִיט פַּארְפִיהְרֶען אַ חָאזַאיְסְטְווָא. זַייא הָאבֶּען שׁוֹין אֲפִילוּ יָאה פוּן וֶועמֶען צוּא אִיבֶּערְלֶערְנֶען זִיךְ, אַ עֶרְד־אַרְבַּייט אַ פִיה־הָאדֶעוֶוען, נוּר דִיא שְׁכֵנִים זַייעֶרֶע ווִילֶען זַייא נִיט הֶעלְפֶען, דֶען דֶער דֶער פְּרָאסְטֶער גֶעוָואהְנְלִיכֶער מֶענְשׁ, שַׁאצְט יֶעדֶער זַאךְ נָאךְ דֶעם אוֹיסֶענְוַוייניגֶען קוּק, אוּנ ווַייל דֶער ווִילְדֶער אִיז זֶעהר פַאר־בְּרָאדְזֶשֶעט קוּמֶען זַייא אוֹיס בַּייא זַייא אִין דִיא אוֹיגֶען פְּרָאסְטִיוָונֶע אִין אַלֶעם אוּנ מֵיינֶען דְרִיבֶּער אַז זַייא הָאבֶּען נִיט דִיא רֶעכְט (פְּרַאוֶוען) וָואס אַלֶע מֶענְשֶׁען. אוֹיסֶער דֶעם דִיא ווִילְדֶע אַלֵיין הָאבֶּען נִיט אַזַא גְרוֹיסֶען חֵשֶׁק אוֹיף לֶערְנֶען זִיךְ אוּנ זֶענֶען נִיט גֶעוָואהְנְט אַרְבַּייטֶען אַזַא אַרְבַּייט וָואס דִיא נוּצֶען פוּן דֶעם זֶעהט מֶען נִיט בַּאלְד אַרוֹיס. אָט אַז זַייא זֶענֶען הוּנְגֶערִיג זוּכֶען זַייא עֶסֶענְוַוארְג

אונ עססען וואס זייא געפינען , אבער ווען זייא זענען זאט ליגען זייא אונ
שלאפען . דריבער ווייל זייא זענען זא פויל , זאסטאווען (נאטהען) דיא
מאנסלייט דיא פרויען , וועלכע זענען שוואכער פאר זייא , ארבייטען
פאר זייערט וועגען אונ בענעהען זיך נאך צוא דעם מיט זייא זעהר
מאן דערליך , לאזען זייא ניט אויפהייבען דעם קאפף . זא אז דיא פרויען
ארבייטען נעבאך שטענדיג אונ דיא מאנסלייט וועלכע פאשען זיך
פון זייער ארבייט , זענען נאך אויף זייא בעלי-בתים .

זארגען זענען א הבלית אויף שפעטער אונ אנגרייטען א זאפאס
אויף דיא שלעכטע צייט . מוז מען ערשטענס האבען אויף דעם שכל ,
צווייטענס ברויכט זיין גוטע אסראציעס : עס זאלל זיין אמאל מעהר
וויפיעל מען ברויך אונ עס זאלל קענען ליגען ניט קאליע ווערען .
דריבער ליידען פיעל ווילדע הונגער פון דעם וואס פעהלט זייא איינע
פון דיא צוויא זאכען . צוליב פוילקייט ליידען פיעל מאל הונגער
דיא קאליפארנישע אינדייצעס , בייא וועלכע עס איז ווארעם , עס איז
דא גענוג וואססער אונ דיא ערד איז א פרוכטבארע . אין דעם קאן מען
שוין ניט אזויא באשולדיגען דיא באטאקודען וועלכע עס איז שווער
א עצה געבען זיך מיטן וואלד ווייל ניט זייא קיין ליידיג פלאצען
אויף קענען זייען . פון דעסטוועגען סייא דיא באטאקודען סייא דיא
קאליפארנישע אינדייצעס פראבירען אמאל זייען , אריינזעטצען אין
דער ערד פערשידענע געוויקסע . בייא זייא איז דא שכנים , וועלכע
האבען אמאל אויך געלעבט אזא שלעכט לעבען אונ יעצט האבען
זייא אנגעפאנגען פארנעהמען זיך מיט ערד ארבייט אונ לעבען שוין
פיעל בעסער פאר זייא .

דער מענש ווערט צוא אלעם געוואהנט אונ אין יעדען סארט
לעבען געפינט ער עטוואס גוטעס . דער וואנדראווענער ווילדער האט
ער ליידט הונגער , דערפאר אבער איז ער פרייא , האט קיין אנדער
זארג , וויא אויסזוכען א טהירכען (א קליינע חיה) אדער א הויפען
ווארצלען אונ ווען ער האט דאס איז ער א שמח בחלקו . פערלאנגט
שוין מיין גאר ניט אונ אויף דעם טאמער וועט איהם מארגען פעהלען
דאגה'ט ער ניט . גלאט דיא פאליעוואניע אליין געפעלט איהם : אויס-
פלעדעווען דיא ווילדפרעט , איבערכיטרעווען , חאפען אדער הרג'נען ,
אט פון דיא ארבייט אליין האט דער ווילדער הנאה . דריבער

איינינע נאַראָדען . וויא למשל , דיא בושמענעם ווילען פאר קיינעם פאלל ניט אוועקוואַרפען דעם בראָדיאַגישען לעבען .

מיט וואס שטאַרקערע טהירען דעם מענש קומט איהם זיך שלאָגען איז ער אַלין שמאַלער . באַן אויסבראַליען קען ניט זיין קיין ספק חבאבראַסט , ווייל באָרען זיך מיט דיא וויאואיטראַבענע אָדער מיט דיא עהמענע איז ניט אַזויא שווער , אָבער ביא דיא בושמענעם איז שוין גאר עפעס אַנדערש : ער מוז זיין אין פאַליעוואַנע אויף אַ העלפאַנד , אויף אַ בוויוואָל אונ טרעפען זיך אָבאר מיט אַ לייב אויך . דער בושמען מוז ניט מורא האבען פאַרן טויט קיין זיין ער זאלל זיך ניט איינשטעללען אין סכנות וואלט ער ניט געקענט [illegible] אויף דער וועלט . ער מוז זיין גרייט ווען ער געהט [illegible] אין וועג , אַז ער וועט זיך שוין פון דעם וועג ניט אומקעהרען . דרובער איז ביא איהם זיין איינען לעבען אונ דער לעבען פון פרעמדע גאר ניט גוי זנאטשעט . פון איהם קען מען ניט פערלאַנגען ער זאלל זיין אַ כובש את יצרו , ער זאלל זיך איינהאלטען ניט רודען מיט פרעמדס ; אַזא מענש וועט ניט ליידען קיין הונגער , ווען ער געהט פאר דיא אויגען דעם שכנ'ס סטאַדע . צווישען זיך איז ביא זיא דא אַ אָרדענונג : פון איינינע פאַמיליעס ווערט אַ שבט אונ יעדער שבט האט זיין בעשטימט אָרט אויף פאַליעוואַנע , אין זייער איינענעם שבט העלפען זיא איינער דעם אַנדערן אונ נעהמען זיך אָן איינער פאר'ן צווייטען . נור פרעמדע מענשען רעכנען זיא פאר שונאים ביא וועלכע מען מעג אַללעס אוועק־נעהמען ; פרעמדע פיה איז ביא זיא אַללעס איינס וואס ווילדע טהירען , אויף זיא מעג מען אויך מאַכען פאַליעוואַנע אונ הרג'נען ; פון דעסט־וועגען אויף אַמענשען , הגם זיא זענען שמאַלע , פאַללען דיא בושמענעם וועלטען אָן , נור דיא אַפּאַטשעס זענען אמת'ע גזלנים . מיט ערד אַרבייט אונ פיה פאַשען ווילען זיא זיך ניט פאַרנעהמען , נור וואַנדערן אַרום פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען אונ ווען זיא האבען ניט וואס צו עססען ראַביוען זיא אונ הרג'נען אויך .

עס פאַרשטעהט זיך אַז דער מענש קען נור ביז דאַן פירען אַ בראָדיאַגישען לעבען כל זמן דיא אַללע שכנים אַרום לעבען אויך אַזויא . אָבער וויא באַלד דיא שכנים נעהמען זיך צו חאזאַיסטווא , פאַנגען אָן זייען תבואה אָדער האָדעווען פיה , ווערט זיא דער ווילדער

יאנגער זעהר געפאהרליך . דען פון הונגער וועט ער דאך ניט זאלעווען קיי פרעמדע ארבייט . דריבער סטארען זיך די ניט ווילדע פאר־טרייבען די ווילדע ווייט פון זיי . דעם ווילדען יאנגער איז שווער איינלעבען זיך מיט שטילע מענשען . פריהער , שפעטער זייא טרייבען אדער ראטען איהם אוים . ווייל ער איז נאך שטיל טהוט קיינעם קיין שאדען , לאזט מען איהם צורוה , איז אויך נור דאן אז דיא ערד אויף וועלכע ער אכאטעט זיך (געהט אויף פאליעוואניע) ברויך קיינער ניט . ווען ער שטערט אבער וועמען ארבייטען , איז שוין זיין בלוט הפקר .

ווען עס פרעסלעדעווען אונ דריקען איהם אזעלכע שכנים וואס זענען ניט פיעל קליגער פאר איהם . איז דאס נאך פארשטענדליך : זייא פארהיטען זייער גוטס אונ היטען זיך פון הונגער , אבער ווען דאס טהוען געבילדעטע מענשען — אין א גרויסע עבירה פארניכטען בלוט פון א ווילדען מענשען אפילו דאן ווען ער שטערט זייא עפעס . זייא דארפען געדענקען אז דער ווילדער איז אויך באשאפען געווארן בצלם אלהים אונ איז אזא מענש ווי זייא ; איהם פעהלט נור : אמונה והשכלה (רעליגיאן אונ בילדונג) . נור דאס נעהמט מען ניט , ניט מיט חיל , ניט מיט כח נור מיט'ן גייסט . מען דארף זייא לעדיגען : ניט בענוטצען זיך מיט פרעמדע ארבייט . זייער חוב אלס געבילדעטע מענשען איז : מיט זייער אייגענעם פיהרונג אונ מדות געבען א ביישפיעל זייא זאללען קענען פון זייא אראפ נעהמען א מוסר : ליעב האבען ארבייט אונ ניט פערלאנגען יענעמס . צוא דעם מוזען זייא ניט באגעהן זיך מיט זייא ווי שונאים נור ווי גוטע ברידער .

צום שאנדע דער מענשהייט טהוען די ווייסע קאלאניסטען (ניט ווילדע) וועלטען אזוי . זייא איז גרינגער אויסהרגענען די ווילדע ווייא לערנען זייא תורה חכמה , בילדונג אונ מדות טובות . דריבער ווערען די ווילדע יאנגערס וואס אמאל קנאפער , זייא קענען נור האבען א קיום דארט וואו זייא זענען קיינעם ניט געפאהרליך אונ אין דיא ערטער אוואו קיינער האט נאך קיין חשק ניט דארט צוא וואהנען .

